STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04851

A SHVALB OYFN DAKH

David Fram

Permanent preservation of this book was made possible
by Howard J. Herzog
in memory of
Benjamin & Anne Owerbach

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ שוואַלב אויפן דאַך

פאָעמעס און לידער

פון

דוד פראַם

פאַרלאַג „קאַיאָר"
יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע
1983

A Schwalb Oifn Dach

POEMS

by

David Fram

Published by Kayor
Johannesburg
South Africa
1983

Author's Address:
404 Hillbrow Galleries, 48 Pretoria Street,
Hillbrow, Johannesburg 2001



דוד פראַם

The publication of this book was made possible by the generous sponsorship of . . .

The South African Jewish Trust
The Mauerberger Foundation Fund
Mr. Natie Kirsh
Mr. Mendel Kaplan
Mr. and Mrs. Harry Levin
Mrs. Marcia Leveson
Mrs. Phyllis Jowell
Mr. David Friedland
Mr. Israel Zygelbaum

א י נ ה אַ ל ט

1. פאַוועס אין אַ גאָרטן

לידער צו אַ פרוי אַזאַ ווי דו	9—32
די פרוי פון סינגאַפּור	32—38
מיסיס פּאַסטער	39—46
אין אַ רעגן	47—57
יהודית	58—59
דימאַנטן	60—64

2. געסוויסטשערט אַ שוואַלב

16 פּאָעמעס	67—82

3. אַן אָדלער אין שטורעם

מאַטומבאַ	85—88
מאַטאַטולו	89—92
קריג	93—100
אַ דערציילונג	101—110

4. פויגלען פון צער

אומרו	113—126
לעסטערונג	127—129
זונטאָג	130—133

אַ ביסעלע וועגן זיך

(כמו אַ הקדמה)

אָנגעפאַנגען האָב איך שרייבן און דרוקן מיינע לידער מיט אַ 65 יאָר צוריק — אין רוסיש... געשריבן האָב איך, בעת מעשה, לידער וועגן "שנייעלעך", וועגן „מייגלעקלעך, וועגן טויעלעך". געשריבן האָב איך קינדערשע זיסע מעשהלעך מיט שפּילעוודיקע פערזן — שורות וואָס האָבן זיך געצויגן רויִק, שטיל, מעלאָדיש, פּאַעטיש:

פליען, פליען שנייעלעך,
כ'לויף און פלי מיט זיי.
כ'לויף אויף ווייסע וועגעלעך,
אויף אויסגעבעטע שטעגעלעך,
מיט ווייסן פוך און פעדערלעך,
מיט צאַרטן, ווייכן שניי...

דאָס איז געווען מיין ערשטער פּרווו, מיין ערשטער דעביוט מיט יידישע לידער. שפּעטער האָב איך דערזען, אַז מיך האָבן פאַראינטערעסירט לידער פון יידישער בעל־גופישקייט, לידער פון אָנגעפּעלצטע יידן אין ווינטער־טעג, יידן מיט פּאַרפּראָרענע, באַשנייטע וואָנצעס און פּאות. שווערע, מגושמדיקע יידן מיט זייער גאַנצן שטייגער־לעבן, מיט זייער גאַנצן פיר און הלך. עס האָבן מיך באַהערשט די יידן — פאַרגרעבטע ישובניקעס, אויף האַרבסטיקע פעלדער און סעדער... עס האָבן מיך גענומען וויטאָגן מיינע לידער פון יידישער אָרעמקייט, פון קעלער־שטובן, פון מענטשישעליידן און מאַטערנישן. נאָך דעם האָב איך דערזען די עפּיק. די עפּישע שילדערונגען און פּאָעמעס האָבן מיך באַגייסטערט. איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די אָרעמע, אויסגעלאָשענע שטיבער מיט די שטענדיקע רעגנס און בלאָטעס. עס האָט מיך ארומגעכאַפּט דער ברייטער, פרייער לייוונט פון עפּישער דערציילערישקייט — דער כוח פון עפּישער שיינקייט. איך בין לגמרי ארונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס, איך האָב דערפילט אַ וואַרעמקייט אויפן מאַרק־פּלאַץ ארום די קליינע קרעמלעך, אַרום דעם שול־הויף און די בית־מדרש־יידן, און איך האָב גענומען איינאָטעמען די ריחות פון זיסער ראָמאַנטישקייט. נישט אומזיסט באַטיטלט טאַקע זאַראַמבע, אליין אַ גאָר פיינער דיכטער, אין זיינער אַ רעצענזיע איבער מיין ערשטן בוך „לידער און פּאָעמעס" מיטן טרעפלעכן נאָמען: „געזונטער ראָמאַנטיזם":

„איך בענק נאָך די יידן פון וועלדער,
ווי קופּערנע יאָדלעס פאַרפעכט,
וואָס שמעקן אין פרייאיקע ריחות
פון שוואָמען און וואַרעמען מאָך,
וואָס שלעפּן אַהיים זיך אויף שבת
דורך האַרבסטיקע, ווינטיקע נעכט
און גאַרן נאָך רואיקער שלווה
פון שווערער, פאַרמאַטערטער וואָך".

אָבער נאָך אַ לאַנגן אָפּשניט פון לאַנגע יאָרן האָט זיך דער „געזונטער ראָמאַנטיזם" ביסלעכווייז אויך גענומען אויסוועפּן און אָפּקילן און אין דער ליטע־

ראַרישער לייִדיקייט האָט זיך עפּעס פאַרבענקט נאָך ברייטע, זאַטע שורות, נאָכן פּאָעטישן אַראָמאַט פון שטילער, געלאַסענער עפּיק, מיט טיפער רואיקייט פון דערציילערישע, ברייטע מעטאַפאָרן.

און איינער אליין דאָ אָן שוועסטער און ברידער,
אָן יידישע קינדער און יידישע לידער,
אָן שחרית, אָן מעריב, אָן שבת און קידוש,
אָן האַרציקן פּראָסטן, אָן טייערן יידיש —
איז שווער דאָך צו לעבן און שווער איז צו זיין דאָ...
און אויב עס וועט יאָ שוין אפילו אַ שיין טאָן
אַ בעסערע זון פון אַ וועלט אַ גערוימער,
אַ גרעסערע זון פון אַ וועלט אַ באַפרייטער,
וועל איך אַלץ פאַרבלייבן דער זעלביקער טרוימער —
אפילו אין וועלט אין דער נאַר־וואָס באַנייטער,
און כ׳וועל נאָך אַלץ טראָגן דעם זעלביקן וויטאָק
דורך זומערן הייסע און זילבערנע שניי־טעג,
דורך האַרבסטיקע, נאַסע און לאַנגע מעת־לעתן,
ווען ס׳שרייען אין עלנט אריין אַלטע סאָוועס —
וועל איך יענעם וויטאָק נישט קענען פאַרגעסן,
און בלוטיקן וועל איך פאַר אונדזערע אָבות,
וואָס זיינען געפאַלן פאַרברענט אויפן שייטער
מיט וווּנדן, וואָס האָבן געגעצט און געאייטערט —
פאַרברענט, ווייל מען האָט זיי נישט אַלע דערקוילעט
ביים שיין פון דעם בלאָסן, דעם שמוציקן מולד,
פאַרברענט, ווייל מען האָט זיי נישט אַלע באַגראָבן
אין פינצטערע נעכט, ווען געקלאָגט האָבן ראָבן
מיט שיבעה, מיט קריעה, מיט צער נאָך דער שחיטה —
פאַרברענט אויף די שייטערס פון מאַמע־לאַנד ליטע!!!

אין אָנפאַנג פון דער רוסישער אָקטאָבער רעוואָלוציע, אין יאָר 1917, האָבן רוסישע קאָמוניסטישע דיכטער גענומען איבערבויען און איבערפורעמען די גאַנצע סטרוקטור און די ליטעראַרישע אַרכיטעקטור פון פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע. „דאָלאַי, פּושקינאַ, דאָלאַי לערמאָנטאָוואַ, דאָלאַי נעקראַסאָוואַ״, האָט מען גרילציק געשריען און געליאַרעמט און אַ פינפט־ראַנגיקן דיכטערל — דעמיאַן בעדני — האָט מען ארויפגעשטעלט אויפן פּיעדאַסטאַל פון דער סאָ־וועטישער פּאָעזיע, און ער איז דאָס געוואָרן דער פירער, דער „זאַפּעוואַלאַ״ פון דער שענסטער, קאַלאָסאַלער רוסישער דיכטונג! ער, דעמיאַן בעדני, איז דאָס געוואָרן דער טאָן־געבער פון די אַמאָליקע גרעסטע רוסישע לידער־מאַג־נאַטן! אין יענער צייט האָט מען גענומען בחיפזון בייטן פערזן, גראַמען, קלאַ־סישע ריטעמס, כללים, אינהאַלטן... מען האָט „פּאָעזיע״ פאַרביטן, למשל, אויפן נייעם נאָמען — „פּאָעזאַ״ און מען האָט אָנגעפאַנגען שטאַרק צו קאָקעטירן מיט מאַזאָליסטע הענט און צערישענע פאַדעשוועס. ליטעראַטור האָט אין יענע יאָרן בכלל פאַרלאָרן איר אָנזען און אירע ווערטן. אַ שטיקל טרוקן ברויט איז דאַמלט געווען וויכטיקער ווי אַ שטאַרקע, שיינע פּאָעמע און יענע משוגענע תקופה האָט איבערגעלאָזן אויפן ווייטן האָריזאָנט טיפע, אָנגעווייטאָקטע קראַמפּן.

יסורים פאַרשטייען בלויז די נאַר וואָס ליידן.
איז נאַריש צו קומען צו זאַטע מיט טרערן...
שוין גלייכער צו צאַפּלען אין אייגענע ווייען,
ווייל קיינער וועט סיי־ווי דיין זיפץ נישט דערהערן...

אין דעם געווירבל פון פאַרלאַרנקייט און צוטומלקייט האָב איך אויך גע־נומען זוכן נייע דיכטערישע פאָרמען, נייע שרייבערישע מעגלעכקייטן. אפשר זיינען גאָר אונדזערע רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן גערעכט. אפשר האָט מען טאַקע געדאַרפט רעווידירן דעם גאַנצן ענין — פּאָעזיע: אָפּשוימען דעם פּאָעטישן שוים און ארויסשיטן דאָס פּסולת. און דורך לאַנגע איבערלעבונגען און זוכע־נישן בין איך געקומען צום באַשלוס אז פּאָעזיע מעג דווקא זיין שווער און ווייטאָקדיק, מעג זיין אָפּגעדעקט און אפילו מוטער־נאַקעט, עס טאָר זיך נישט איינוויקלען אין בלומען און אין זיידנס. און אין שווערע קאָנפליקטן פון מענ־טשנס לעבן באַשטייט דאָך די גאַנצע דראַמאַטישקייט פון זיין שמחה און זיינע ליידן. דיכטונג מעג זיין הארב און פשוט, נאָך אַלעמען אין פּשטות ליגט דאָך אוודאי אַ שטיק שיינקייט פון יצירה.

נישט ווייט פון אָט דעם פּלאַץ געפינט זיך זיין ראַנדאַוול.
די זון, זי וויקלט אַלץ נאָך קנוילן זילבערדיקן באַוול,
זי וויקלט נאָכאַנאַנד, כסדר, אָן אַ סוף.
מאַטאַטולו כאַפּט זיך איצטער אויף צופרידן פון זיין שלאָף,
ווי ס׳כאַפּט זיך אויף די קליינע מאַלפּע אין די צווייגן
און לויפט אויף גיך פאַרשפּעטיקטער אַהיים.
ער איז אָנגעלאָדן מיט אַ שווערן שווייגן,
ער האָט זיך אויסגערוט אין „בוש־פעלט״ ווי דער ביים,
נאָר עפּעס פּילט ער ווי עס קיצלט אים אין מאָגן:
דער הונגער האָט אין אים צערייצט זיך ווי אַ בייזער הונט...

דעריבער האָב איך די לידער און פּאָעמעס פון מיין נייעם בוך „אַ שוואַלב אויפן דאַך״ נישט סאָרטירט און נישט אָפּגעקליבן אין אַ באַשטימטן סדר.

אַ סך פון די לידער האָב איך אָפּגעדרוקט אין פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבעס און אַ סך, ווידער, זיינען געבליבן ליגן נישט געדרוקט — אין דער פינצטער... איך האָב זיך, בעת מעשה, געטראַכט, אז אויב מיינע פּאָעמעס זיי־נען ווערט, וועלן זיך שוין אַנדערע, נאָך מיר, מיט זיי פאַרנעמען, און אויב זיי זיינען נישט ווערט, טאָ למאי פּטרן פּאַפּיר און צייט? נאָר שפּעטער האָב איך דאָך באַשלאָסן ארויסצוגעבן נאָך אַ בוך לידער. עס איז אפשר בעסער מען זאָל זיי היינט אָוועקלייגן באַקוועם צווישן צוויי ווייכע טאָוולען, איידער צעשיטן שפּעטער די זייטלעך זיי זאָלן פלאַטערן צעשאָטענע פון ווינט.

אומעטום, ווו איך גיי, טרעף איך ליידיקן אָרט,
און איך בענק ווי אַ קינד נאָך אַ וואַרעמען וואָרט,
כ׳האָב פאַרגעסן מיין שטאָם און פאַרגעסן מיין שפּראַך,
און עס איז פאַר מיר פרעמד יעדער היימישער דאַך...

די איצטיקע פּאָעמעס און לידער האָב איך געשריבן מיט קירצערע און גאָר לאַנגע הפסקות. מיך האָט ביזן היינטיקן טאָג אינטערעסירט זייער איינ־האַלט, זייער טעמאַטיק, זייער ליבע, עראָטיק, נאַקעטקייט, זייער סעקס, זייער תאווה און אפילו זייער זנות... מיך האָט אינטערעסירט די שיינקייט פון מענ־טשנס קערפּער און אין דער זעלביקער צייט — די וואולגאַרע און מיאוסע זייטן

און געוווינהייטן. אין דער זעלביקער צייט האָב איך נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן דעם מענטשנס פּוסטקייט און שוואַכקייטן. און אָט די אַלע קאָנפֿליקטן צווישן מענטשנס קערפּער און נשמה האָבן מיך געשטופּט אָנצושרייבן די עראָטישע, סעקסועלע לידער און פּאָעמעס.

כל זמן עס רייסט זיך דורך נאָך ווו אַ שטיקל הימל
און ס׳פֿאַלט נאָך אויפֿן גראָז אַ שמעקעדיקער טוי,
און ערגעץ־ווו פֿאַרשעמט עס אָטעמט נאָך אַ בלימל
און ס׳צאַפּלט נאָך אַ האַרץ פֿון בענקען נאָך אַ פֿרוי —

כל זמן די רויע ערד געבענטשט איז נאָך מיט רעגן
און ס׳ריזלט נאָך פֿון איר אַ שוואַרצער, פֿעטער ווייך,
און ערגעץ אין דער וועלט עס ציען זיך נאָך וועגן
וואָס לאָקן דיך נאָך אָן מיט פֿרייד און שווערן פּיין —

כל זמן עס קריכט נאָך אום אַ וואָרעם אויף אַ בלעטל,
ווען פֿרילינג גייט אים נאָך מיט זיין פֿאַרליבטן טראָט,
און ס׳ליגט נאָך ווו פֿאַרצערט אַ בענקענדיקע שטעטל,
און ס׳ברויזט נאָך ערגעץ־ווו אַ שרייענדיקע שטאָט.

כל זמן אין טיפֿע נעכט צעשיטן זיך נאָך שטערן
און וואַרעם שמעקט דאָס פֿעלד מיט קימל און מיט ברויט,
און ס׳קען זיך אין אַ דאָרף נאָך ווען ניט איז דערהערן
פֿון עמיצן אַ ליד ביים שוויגענדיקן פּלויט:

וועל איך אוודאי שטיל נאָך שרייבן מיינע לידער,
און זינגען פֿון אַ בלום, און זינגען פֿון אַ קוואַל,
און גאָר אַ נאָענטע פֿרייד כ׳וועל איבערזינגען ווידער —
און זאָל עס הייסן אַלט, און זאָל עס זיין באַנאַל...

פֿאַר זיך וועל איך אַליין די שורות מיינע שרייבן,
באַווירצן יעדן פֿערז מיט פֿרילינגדיקן צוויט,
ווייל כל זמן ס׳וועט אין וועלט אַ שיינקייט נאָך פֿאַרבלייבן —
פֿאַרבלייבן וועט מיט מיר צוזאַמען אויך מיין ליד.

ד. פּ. — 1983.

פּאַווע אין אַ גאָרטן

לידער צו אַ פרוי אַזאַ ווי דו

זון.

זון איז אריין אין מיין צימער
דורך ברייטער צעעפנטער טיר.
זי איז געקומען
און זון האָט געפּלייצט אַרום איר.
לייכט איז געוואָרן די שעה,
ווען פּלוצלינג איך האָב זי דערזען.
הייליק, און זוניק, און גלויביק,
און וווּנדערלעך לייכט איז געווען.

פרילינג.

האָט פרילינג פאַרשמעקט
מיט זיין אײדעלן צוויט.
ס'האָט שוין דער אָראַנדזש, דער מילגרוים,
דער עפּלבוים ערגעץ געבליט.
רייך האָט דער טאָג זיך צעוואַרעמט,
געגאָסן, געגאָסן מיט גאָלד.
בליען האָב איך אין דער שעה
אויך אזוי ווי דער אָראַנדזש געוואָלט.
בליען מיט גלויבן, מיט יוגנט,
מיט וואַרעמער, זוניקער פרייד, —
שטיל נאָך געפינען אַ רו
אין דעם ווייכן גערויש פון איר קלייד,
טרינקען די בשמים פאַרשיכורט
וואָס רויכלען זיך פון אירע האָר,
און אויף אַ ווייל כאָטש פאַרגעסן
דעם אמת פון ניכטערער וואָר,
און אויף אַ ווייל כאָטש געפינען
אַ רעשט פון אַ זיכערן שלאָף, —
ווערן באַגנעדיקט פון ליידן
ווי דער פאַרברעכער פון שטראָף,
און נאָך פאַרנעמען די שיינקייט
פון פרילינג, פון זויבערן צוויט.
זי איז געקומען מיך טרייסטן
מיט לייכטע, מיט זוניקע טריט.

געוועזן בין איך שכור אפשר, אמת,
איך לייקן נישט, איך גיב עס טאָקע צו.
נאָר דאָך האָב איך די הערלעכסטע פּאָעמעס
געשריבן צו אַ פרוי אַזאַ ווי דו.

און נאָכדעם האָב איך אַלע זיי צעריסן,
ווייל נאָר צעשטערן וויל איך אַלץ, וואָס איך האָב האָלט
געוווסט האָב איך, אז ס׳וועט דאָס מיר פאַרדריסן,
נאָר דאַמלסט האָב איך דוקא דאָס געוואָלט.

און אפשר, אָט די קינדישע קאַפּריזן
פאַרשאַפן וועלן ווידער טיפן פּיין,
נאָר תיכף, ווי דו האָסט זיך נאָר באַוויזן, —
בין איך געוואָרן שכור, ווי פון וויין...

און איצטער פון דאָס ניי וועלן די לידער
אַוועקרויבן מיין איינגעשטילטע רו,
נאָר גרייט בין איך צו ווייטאָקן שוין ווידער
פון ליבע פאַר אַ פרוי אַזאַ ווי דו.

פאַרוואָס ביסטו געוואָרן אזוי בלאַס,
ווען אָנגערירט איך האָב דיין ווייסע ברוסט?
אוודאי ביסטו נישט געווען אין כעס.
אָ, גוט האָב איך געפילט דאָס און געוווסט...

טאָ וואָס האָסטו זיך, נאַרעלע, פאַרשעמט
און שיר זיך פון בזיון נישט צעוויינט!
בין איך דיר דען געוועזן אזוי פרעמד? —
איך האָב דאָך מיט דעם גאָרנישט ניט געמיינט...

דו ביסט געוועזן אָנגעטאָן אין שוואַרצן, —
מיין גאָט, ווי דיר האָט דאמלסט דאָס געקליידט.
פון ס'ניי האָסטו דערוועקט ביי מיר אין האַרצן
אַזאַ ציטעריקע, אזא צאַפּלדיקע פרייד...

און ס'האָט מיין פרייד אזוי מין זיך צעגאָסן:
אַ קלאָרקייט אַזאַ דורכגעמישט מיט שוואַרץ...
און נאָך אַ סוד האָסטו ביי מיר פאַרשלאָסן, —
אַ נייעם סוד פאַרשלאָסן אין מיין האַרץ.

איך ווייס נישט ווען איך זאָל בעטן,
איך ווייס נישט וועמען: — צו גאָט צו דו.
בלויז איין זאַך בעט איך ביי איךביידן:
אַ, שענקט פֿאַר מיין נשמה רו...

און דאָס זאָל זיין דער לעצטער חסד, —
ס'איז גרויס דאָך אייער ביידנס גנאָד.
איך ווייס נישט ווען איך זאָל בעטן —
צו בעטן דיך, צו בעטן גאָט.

ס אָ נ ע ט

ב׳האָב אָנגעצויגן נייע, ווייסע ציכן,
און גרייט און פריש געשטאַנען איז מיין בעט.
געוואַרט האָב איך אויף דיר מיט אומגעדולד ביז שפּעט,
און שעהן לאַנגווייליק — זיי ציען זיך און קריכן...

אָט וועסטו קומען, קומען דאָ איינגיכן, —
דערשיינען וועט פאַר מיר דיין בלאַסער סילועט.
און שאַ, און שטיל, און צאַרט. און גאָרנישט ניט גערעדט,
און ווייסקייט פון דיין לייב אויף ווייסקייט פון די ציכן

ווען פאַלן לעבן מיר, ווי שמעקעדיקער שניי
אין אומעטיקע נעכט אויף אויסגעלייגטע וועגן
און ביידן ווען אונדז גלייך באַשיטן מיט אַ פרייד...

עס איז אין טיפער נאַכט אַ שוויגעניש געלעגן,
און ס׳האָט זיך שוין דיין לייב באַפרייט פון שווערן קלייד,
און דאַך האָב איך געפילט אזא מין שווערן ווײ...

מיט פרישע ציכן האָב איך אָנגעצויגן מיינע קישנס —
מיט ווייסע ציכן.
דו וועסט דאָך קומען דאָ איינגיכן, —
האָב איך פאַר דיר זיך שוין פון לאַנג געגרייט.
דו האָסט געבראַכט מיט זיך אַ שטילע פרייד,
און האָסט געבראַכט אַזאַ מין טיפע רו,
אַזאַ מין רו,
וואָס געבן קען נאָר תמיד אַזאַ פרוי ווי דו,
און איינגעשטילט האָסטו אַרום אַ גאַנצע וועלט.

עס איז געוואָרן גוט. פאַרשטיי ווי גוט, פאַרשטיי —
גלייך ווי עס וואָלט געפאַלן ערגעץ־ווו געדיכטער שניי
און איינגעהילט אין פרישער, ווייסער קעלט
אַ שוואַרצע, שווייגענדיקע נאַכט.

דו האָסט מיט זיך אַ הייליקייט געבראַכט,
אַ הייליקייט אַזאַ, וואָס שאַפן קען נאָר אַזאַ פרוי ווי דו,
זי איז געווען אַדורכגעמישט מיט רו,
מיט שטומען שרעק, מיט פחד און געפאַר,
מיט שטילן פּיין און זיסן, אומדערטרעגלעך זיסן צער —
ביז טיפן און פאַרביסענעם געשריי...

עס איז געווען אי פּיינלעך און אי גוט,
און הייס און רויט געוואָרן איז מיין בלוט,
און ערגעץ ווו —
געפאַלן איז דער ערשטער, ווייסער שניי.

גערייצט האָסטו בכיוון אַלע מענער,
דאָס האָסטו דאָך אליין גאַנץ גוט געוווּסט.
צי האָט דאַן עפּעס וואָס געקאָנט זיין שענער
פון דיין געשניצטער, תאוהדיקער ברוסט ?...

מיט גאוה האָסט פאַרצייכנט דיין נצחון,
ווען איך האָב דיך צום ערשטן מאָל דערזען.
געצונדן האָסטו בענטש־ליכט אין דער וואָכן
און מיך, — אַזש באַלד פאַרברענט מיט זייער ברען.

דו האָסט זיך מערנישט ווי געשפּילט,
דו האָסט געמאַכט פון דעם אַ שפּיל.
צי האָסטו טאַקע נישט געפילט
מיין שענסטן, הייליקסטן געפיל?...

דו האָסט זיך שפּילן נאָר געוואָלט.
אומזיסט האָסט דאָס געטאָן, אומזיסט.
דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב דיך האָלט
און ווי עס ווייטאָקט און ס'פאַרדריסט...

אַן אומעטיקער גרויער טאָג
און נאָך מער אומעטיקע נאַכט.
דו האָסט מיט זיך מיין האָפענונג געבראַכט
און נאָכדעם... נאָכדעם מיך גענאַרט...
דו ביסט געווען אזוי ווי יעדע פרוי:
נאָר אויף אַ ווייל האָסטו געשאָנקען גליק,
און צוגענומען נאַריש דאָס צוריק,
און ווידער איז געוואָרן אומעטיק און גרוי...

איך וועל פאַר דיר שוין מער נישט וויינען
גלייך ווי אַ בעטלער און אַ נאַר.
אוודאי קענסט אַמאָל נאָך מיינען,
אז כ׳בעט דיך לינדערן מיין צער.

טאָ ווייס, אז צווישן פרויען, — איינע,
ביסטו די נישטיקסטע פון זיי.
איך וועל פאַר דיר שוין מער נישט וויינען
און נישט פאַרטרויען דיר מיין ווי...

איך בין געבליבן וואַרטן ביי דער טיר פון דיין פּאַרליבטן הויז,
(מיט דעם פלעגט אַלעמאָל זיך ענדיקן מיין גליק)
דו ביסט צו מיר שוין דאַמלסט מערער נישט אַרויס.
איך האָב געפילט, אז דו וועסט שוין נישט קומען מער צוריק.

אויף מאָרגן האָב איך בלומען דיר מיט עמעצן געשיקט,
און איינגעפלאָכטן אין דער מיט אַ בלוטיק־רויטע רויז.
דו ביסט פון יעמאָלט אָן צו מיר שוין מערער נישט אַרויס,
און דאָך בין איך געווען אזוי צופרידן און באַגליקט...

געשריבן האָב איך לויטער בלויז אידיליעס,
געשריבן האָב איך זינגענדיק מיין ליד,
און ס׳האָבן אָט אזוי ווי ווייסע ליליעס
די פערזן מיינע שמעקעדיק געבליט.

געמיינט האָב איך אַ גלויביקער, בעת מעשה,
אז עמיצער האָט גליק מיר נאָך פאַרטיילט,
און דאַן האָבן די לידער מיינע ווייסע
פון ליבע און פון שיינקייט מיר דערציילט.

נאָר איצטער בין איך וויט שוין פון אידילעס,
און האַרב אזוי געוואָרן איז מיין גראַם.
אַצינד האָב איך אַ וועלט פון ווייסע ליליעס
צעביטן אויף אַ וועלט פון שוואַרצן סם.

און איצט וועל איך מיט רואיקן געוויסן
באַהעפטן זיך מיט אָפּגעבליטן האַרבסט.
ס׳איז גוט אזוי דאָס אַלצדינג דאָך צו וויסן
און צוצוקוקן עלנט ווי דו שטאַרבסט...

איך האָב דיך האָלט, געוויס, איך האָב דיך האָלט
און ס'איז מיר אַלץ אַגאַל: דיין שמייכל צי דיין כעס.
צי האָסטו אפשר יאָ און אפשר נישט געוואָלט,
צי האָסטו מיך געליבט, צי האָסטו מיך געהאַסט —
עס איז מיר אַלץ אַגאַל — איך האָב דיך האָלט, דו הערסט? —
און נישט געקומען בין איך ביי דיר בעטן טרייסט,
נאָר זיין מיט דיר און זען, און זען ווי דו צעשטערסט,
און זען ווי דו צעברעכסט, ווייל כ'וויל אזוי, — פאַרשטייסט!...

איז טאַקע מיר אַלץ איינס: — דיין שמייכל און דיין כעס,
דיין מוטערלעכער גלעט און ציטעריקער קול...
עס איז מיר אַלץ אַגאַל. איך ליב דיך און איך האַס,
איך האַס דיך און איך ליב צוזאַמען מיטאַמאָל.
און ווען גייט עס אָן דער חשבון ווי אזוי
און וויפיל איך האָב דיר פאַר אַלעם דעם באַצאָלט? —

דו ביסט ביי מיר אַ גאָט, דו ביסט ביי מיר אַ פרוי,
דו ביסט ביי מיר אַ שד.
אַלץ איינס — איך האָב דיך האָלט.

איך האָב באַשלאָסן מערער נישט צו קומען,
איך האָב באַשלאָסן מער דיך נישט צו זען.
דו האָסט פון מיר כסדר נאָר גענומען
און קיינמאָל ביסטו גליקלעך נישט געווען.

דעריבער האָט עס טאַקע מיר פאַרדראָסן,
און ס׳האָט זיך שוין געענדיקט מיין געדולד.
אַוועקגיין האָב איך, סוף־כל־סוף, באַשלאָסן
און אפשר מיט דעם ריינוואַשן מיין שולד...

נאָר ווי איז, אז מען דאַרף דאָס שוין באַשליסן
און פועלן ביי זיך דיך נישט צו זען.
אוודאי וועט עס אייביק מיר פאַרדריסן, —
טאָ זאָל שוין בעסער בלייבן ווי געווען...

געליטן האָב איך גאָר אַ סך, געליטן.
געליטן אַ פאַרצאָרנטער פון דיר.
און איצטער האָב איך ווייטאָקן צעביטן
אויף קלאָרן, נישט־פאַרשריבענעם פאַפיר.

אַצינד האָב איך די ווייטאָקן פאַרשריבן
און הייליק זיי געלייטערט און געברענט.
גענוג וועט זיין, גענוג וועט זיין צו ליבן, —
מיין ליבע האָסטו סיי־ווי נישט דערקענט...

איך קאָן אַ סך פֿאַרבענקטע, צאַרטע פּרויען,
נאָר קיינער איז מיר נישט געוועזן אַזוי נאָנט...
ווי קען איך זיך פֿאַר עמיצן פֿאַרטרויען,
אַז דיך האָב איך געטראָפֿן און דערקאָנט.

און דו, און דו, — אַוודאי וועסטו ווידער נישט פֿאַרנעמען
מיין איינציקע, מיין וויס־צעבליטע פֿרייד.
פֿאַר וועמען זאָל איך ריידן דען, פֿאַר וועמען? —
אַז נישט פֿאַרשטיין וועסטו דאָך סיי ווי מיינע רייד.

און אויב איך זאָל אפֿילו שוין פֿאַרטרויען
פֿאַר דיר אליין מיין טיפֿן, שטילן ווי, —
וועסט פֿרייען זיך צוגלייך ווי אַלע פֿרויען,
ווייל ביסט געוויס נישט בעסער דאָך פֿאַר זיי.

צוזאַמען זיינעןביידע מיר געגאַנגען,
געגאַנגען אַזאַ לאַנגע, לאַנגע צייט,
מיט אַלגעמיינע ברויזיקע פאַרלאַנגען,
נאָר איינער פון דעם צווייטן אזוי ווייט...

דיין ווילן האָב איך דאַמלסט נישט פאַרנומען,
דיין שמייכל האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין:
צי האָסטו מיך געבעטן מיט דעם קומען,
צי האָסטו מיך געהייסן מיט דעם גיין.

פריש איז מיין ליד, ווי געפאַלענער טוי,
צאַרט איז מיין ליד, ווי דאָס לייב ביי אַ פרוי,
שמעקט ווי דער פרילינג מיין אײדעלער גראַם,
טיף איז מיין אומעט, — נאָך טיפער פון ים...

ווייס איז מיין ליד, נאָר ווי אָפּט איז עס שוואַרץ:
שורות געצויגן פון אייגענעם האַרץ,
שורות געשריבן מיט אייגענעם בלוט.
שלעכט איז מיר תמיד און זעלטן ווען — גוט.

אמתע פרייד האָב איך קיינמאָל געהאַט.
שטענדיק אין לעבן געליטן צו זאַט,
שטענדיק געבעטן רחמנותדיק־פרום,
תמיד געבליבן פאַרביסן און שטום...

קיינמאָל האָט קיינער מיין שטים נישט דערהערט.
ווּיסט איז פאַר מיר די באַפּרוכפּערטע ערד.
קלאָר איז מיין ליד, ווי געפאַלענער שניי, —
טיף איז מיין ווייטאָג און טויב מיין געשריי...

נו, יאָ. נו, יאָ — כ׳וועל ווידער בעטן דיך — פאַרגעבן.
מיין טייערסטע, פאַרשטיי מיך און פאַרגיב.
צו וואָס צעשטערן זיך דאָס גאַנצע לעבן? —
דו ווייסט דאָך, ווי איך האָב דיך ליב.

איז בעסער שוין צו בעטלען ביי דיר איינער
און וואַרטן ביי דיין צוגעמאַכטער טיר.
עס קען מיר דאָך שוין גאָרנישט געבן קיינער,
ווייל גליקלעך בין איך מערנישט ווי מיט דיר.

אַ דאַמע זיצט אַליין אויפן באַלקאָן
און אירע רויטע נעגל האַלט זי אין איין פיילן.
זי איז שוין שפּעט און ווייס אַליין נישט וואָס צו טאָן: —
די צייט איז קורץ און זי מוז זיך כסדר איילן...

זי האָט אוודאי עטוואָס זיך פאַרשלאָפן אינדערפרי,
און דווקא מוז זי הייַנט אַרויסגיין שפּילן קאָרטן.
פון זיידענעם כאַלאַט קוקט צאַרט אַרויס איר קני,
און ס׳בליט דער עפּלבוים שוין פייערלעך אין גאָרטן.

און לעבן אירע פיס צערינט אַ פּאַסמע זון,
און ס׳שפּילט זיך מיט איר העמד דער ווינט ווי מיט אַ זעגל.
נאָר זי איז טיף פאַרטאָן און ווייס גאָרנישט דערפון, —
זי ווייס נאָר, אז זי דאַרף פאַרפיילן אירע נעגל...

ווייל באַלד גייט זי אַוועק צו אַ באַקאַנטן הויז, —
מען וועט אַ גאַנצן טאָג פאַרברענגען דאָרט אין קאָרטן.
טאָ ווען מען גייט עס אָן אַז ס׳בליט שוין ווו די רויז,
און אַז מיט ווייסן צוויט באַשאָטן איז דער גאָרטן...

אין טעג פון שווערע זאָרג, אין טעג, ווען ס׳גיסט זיך בלוט, —
איך קען נאָך פאַר אַ פרוי מקדש זיין מיין ליד,
און ס׳ווערט מיר נאָך אַמאָל אַזוי מין פשוט־גוט,
ווען זי פאַרשטייט און זעט, און צערטלט, און פילט מיט.

אין טעג, ווען ס׳גיסט זיך בלוט, אין מוראָדיקע טעג, —
איך ווייס, אַז נישטיק־קליין און אָרעם איז מיין גאָב.
נאָר מערנישט ווי צו איר כ׳האָב אויסגעלייגט מיין וועג, —
איך קען נישט געבן מער פון דעם דאָך, וואָס איך האָב.

אַ צוויגל בעז. אַ צוויגל בעז, וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
דאָס איז געווען גענוג אזוי פיל צו דערמאָנען:
מיין אַלטע היים, דעם סאָד, דאָס גאַנצע שטילע לעבן,
מיין מאַמען, וואָס ס'איז שווער שוין היינט גאָר צו דערקאָנען...

מיין טאַטן, ווי ער זיצט צופרידן צווישן בייטן
און קוקט זיך אזוי צו ווי שטיל עס וואַקסן ריבן...
דעם הויף, דעם געלן זאַמד, די האַלב־צעפוילטע פלייטן,
די ווערבעס פאַזע טייך אין טונקלעניש פאַרקליבן...

די טראָפּנס ווייסע טוי אויף בלעטער און אויף צווייגן,
דעם זיסלעכן גערוך פון זאַפטיקע טריסקאַווקעס,
דעם ערשטן שטילן גליק, ווען מיט אַ טיפן שווייגן
כ'פלעג ציילן יעדן רוף פון שטיפערקעס קוקאַווקעס...

און דאָרט — די קוסטן בעז אין שכורע גערוכן
צעבליטע ווייס און ליל ווי איידעלער באַגינען,
ווו שעהן נאָכאַנאַנד די „גליקן" פלעג איך זוכן
און אָפטמאָל צווישן זיי אויך „אומגליקן" געפינען...

דיין בעז האָט מיר דערמאָנט אָן אַלטע סענטימענטן,
אָן ווייסע סטאַדעס שאָף און פויערשע סטאַדאָלעס,
אָן עפּעס אַזאַ גליק פון לאַנג שוין אַ פאַרברענטן
אין אַזאַ וויטער פרעמדה, אין אַפריקע,,, אין גלות...

און דאָ, אין הייסן טשאַד פון שטיקענדיקן פרילינג,
אין אָנגעברענטע טעג פון טרוקענע מעת־לעתן —
האָב איך מיין אַלטע היים צעביטן פאַר אַ שילינג,
און יענע וויטע פרייד — בלויז אָרעם פאַרן עסן.

און היינט, דיין שטיקל בעז, וואָס דו האָסט מיר געגעבן —
דאָס איז געווען גענוג אזויפיל צו דערמאָנען:
דעם פלויט, דעם וויטן שליאַך, דאָס דאָרפיש־שטילע לעבן,
וואָס מיר וועט שוין געוויס היינט שווער זיין צו דערקאָנען.

אָ, פייניק מיך, מיין טייערע, פאַרפייניק,
באַשענק מיך מיט די אַלע דיינע שטראָף.
איך ווייס, אז ס'איז דיין איינציק־גרויסער תענוג —
בכיוון מיך צו שטראָפן אָן אַ סוף...

איך ווייס, אז דו ביסט תמיד אַזוי געליקלעך,
ווען אויסהאַלטן איך קען שוין נישט מיין צער,
און אַלע דיינע צוגעטיילטע שטיקלעך, —
איך קלייב זיי ווי אַ בעטלער און אַ נאַר...

נאָר ווייס, אז איך האָב אויך געקאָנט פאַרמאָגן
פון דעם, וואָס איך האָב איצטער — אַ סך מער.
נאָר דו האָסט מיך צעבראָכן און דערשלאָגן, —
טאָ נעם איצט און פאַרענדיק, און צעשטער...

די פרוי פון סינגאַפּור

די טאַקסע האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי „רידזשענט פּאַלעס״.
עס האָט אַן עולם דאָרט געשאָטן זיך פון אַלע עקן וועלט.
אין וואַרעמען האָטעל האָט קיינער נישט געפילט די קעלט,
דעם רעגן האַרבסטיקן, דעם הונגעריקן דלות
וואָס האָט ארויסגעקוקט מיט אויגן זשעדנע אויף „איסט ענד״.
די רייכע „וועסט״, נאַטירלעך, אַנדערש האָט געלעבט: —
די נאַכט האָט פייערלעך מיט ליכטער טויזנטער געברענט,
מען האָט הנאה דאָ מיט הויפנס קופּיקע געשעפט,
פּאַר יעדער קלייניקייט — מיט פונטן רחבותדיק געצאָלט...
דער עולם ממש האָט געבאָדן זיך אין גאָלד,
געשווומען הפקרדיק מיט שווערע, זאַטע לייבער...

דער אָוונט פון קאַלייד, — די זעלביקע מאַנערן,
די זעלבע אויסגעפּוצטע בוזעמדיקע ווייבער,
די זעלבע געסט, די קראַנקע קאַוואַלערן
מיט פּאַלשע אָנשטעלן, מיט עלעגאַנטן קנייטש,
מיט אויגן גיריקע צעפּרעסענע פון זינד, —
געשלונגען האָבן זיי דעם תאוהדיקן רייץ,
באַשמעקט איעדע קלייד ווי הונגעריקע הינט
וואָס יאָגן זיך נאָך צײַג פאַרגאַווערטע אויף גאַסן.
אין זעלביקן קאַלייד, אזוי ווי אַלע יאָר —
אין אָוונט האַרבסטיקן, אין רעגנדיקן נאַסן
האָט זיך דאָ קיין זאַך נישט געביטן אויף אַ האָר.

דאָס ליכטיקע פּאָיע איז אָנגעפּראָפּט מיט געסט.
אין רעסטאָראַן — געבראַזג פון טייערע סערוויזן.
מען שפּאַרט זיך נאָך אַ פּלאַץ, מען שיכורט און מען עסט,
און קעלנערס פילן אויס משוגענע קאַפּריזן,
און פון איעדן פראַק, פון אונטער יעדן קלייד
עס שרייט אַרויס דאָס לייב מיט נאַקעטע געבעטן.
אין שיכרות און אין זנות דער הייליקער קאַלייד
צעלייגט זיך שלעפּעריק אויף פרישע, ווייכע בעטן,
און איבער אַלץ איז גאָלד, און איבער אַלץ איז געלט,
און אַנדערשוו פאַרקויפט דאָס לעצטע העמד דער דלות..
עס שיט אַן עולם זיך פון אַלע עקן וועלט
צו אויפגעפּראַלטער טיר פון „רידזשענט פּאַלעס״.

.2

די טיר פון נומער 700 איז געווען פאַרמאַכט.
די שיך האָט ער דעם אָונט נישט ארויסגעשטעלט צו פוצן.
אינגאַנצן שיכור, אויסגענוצט געלעגן איז די נאַכט —
גלייך ווי אַ גאַסן־פרוי, וואָס ברענגט שוין קיינעם נישט קיין נוצן...
און לייבער האָבן זיך געוואַלגערט נאַקעטע, ווי שווערע טושעס פלייש,
עס איז געווען אומעטיק און פריקרע הייס,
ווי נודנער געגנעץ האָט געצויגן זיך די טעמפּע צייט.
עס האָט שוין מערער נישט געררייצט די שענסטע אָפּגעדעקטע ברוסט.
די שולטער בריאיקע פון אונטער דינעם זייד,
וואָס נאָר־וואָס האָט מען זיי אַזוי מין הייס געקושט, —
די ציינער אַזש ביז בלוט אין זיי געשניטן.

ווי אַלץ האָט זיך אין איין מינוט געביטן —
אין איין משוגענער, פאַרלאָרענער מינוט...
נאָך העכסטער אויפרעקונג האָט מען זיך מיטאַמאָל דערפילט נישט גוט,
אַן עקל שווייסיקער האָט פון אומעטום געשפּאַרט
און מערער האָט שוין קיין זאַך, קיין זאַך נישט געאַרט —
די גאַנצע וועלט האָט מען פון זייערטווועגן שוין געקאָנט צעשטערן,
קיין אינהאַלט איז שוין מער אין ערגעץ נישט געווען.
פאַרקילט געבליבן איז דער תאווהדיקער ברען
אין אויסגעשריי פון ליידיקע באַגערן...

נאָר אין דעם נומער 700 איז מען נאָך געווען אויף,
מען האָט דאָרטן געזשאַלעוועט די נאַכט, וואָס גייט שוין באַלד אַוועק.
אין הייסער גלוסטעניש האָט זיך געטוליעט גוף צו גוף
מיט אַזאַ נאַגנדיקן, וויכן שרעק.
דאָרט האָט זיך מערער קיינער שוין פאַר קיינעם נישט געשעמט.
אַט נעכטן זיינען זיי לגמרי נאָך געווען ביידע פרעמד:
זיך קיינמאָל פריער נישט געזען, אין ערגעץ נישט געטראָפן,
און מיטאַמאָל איז זי געקומען שלאָפן
צו אים אין זיין האָטעל.

ס'קען זייער גריילעך זיין — אַ צווייטע אויף איר שטעל
וואָלט אפשר פאַרזיכטיקער דאָ געווען,
און ס'וואָלט דער קאָפּ ביי איר זיך נישט פאַרדרייט,
ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען.
ער האָט געקאָנט זי אָנלאָקן מיט זיינע רייד,
מיט זיין געזונטן, שטאַרקן מענערישן לייב,
נאָר דאָך וואָלט נישט איעדע פרוי געוואָרן באַלד זיין ווייב...
זיך גאָר אינגאַנצן אָפּגעגעבן תיכף זיין רשות,
און אים נישט אָפּגעלאָזט אפילו דאַן, ווען ער האָט זי פון זיך געטריבן.

פע, ביי אַנדערע וואָלט דאָס געהייסן פּשוט זנות,
ביי איר אָבער האָט דאָס געהייסן ליבע...
זי, די רייכע דאַמע פון אַ יונגען דיפּלאָמאַט,
געוועזן איז איינגאַנצן אַנדערש אין איר פיר און שטאַט,
פאַר איר זיינען אין לעבן נישט געווען קיין צוימען.
זי איז געוועזן רייצנדיק און שיין און ראַפינירט: —
אַמאָל פלעגט זי פאַרטרינקען זיך מיט טרוימען,
אַמאָל — מיט לייכטן, שפּילעוודיקן פלירט
צערייצן פלעגט זי צענדליקער בעל־גאווהדיקע מענער,
נאָר אַט דאָס אַלץ איז נישט געווען איר אמתע נאַטור,
פאַר אַלעם דעם האָט זי געקאַנט, געוויס, זיין אַ סך שענער —
די שטאָלצע פרוי פון סינגאַפּור.

3.

די מאָדנע, אומבאַקאַנטע פרוי פון וויטן סינגאַפּור.
אַ, ניין, זי איז אוודאי נישט געווען קיין הור,
קיין חצופה וואָסערע פון טומלדיקער גאַס.
זי איז געווען די פרוי פון אַ באַקאַנטן דיפּלאָמאַט,
האָט אַלץ ביי זיך אין אָרדענונג געהאַט:
פּאַפּירן כלערליי, און וויזעס און אַ פּאַס,
און רעפערענצן פאַרשיידענע מיט בריוו...
מיט אַלעם דעם האָט איר באַזאָרגט איר מאַן.
און דאָך וואָלט אפשר שוין געווען אַ ביסל צו נאַיוו,
ווען זי וואָלט אָט די וווּנדערלעכע רייזע אויפן ים,
און נאָכדעם — מאָנטאָ־קאַרלאָ, לאָנדאָן און פּאַריז
אַדורכגעלאָזט אין לאַנגווייל און אין בענקען.
געוויס וואָלט נאַריש דאָס געווען פון איר, געוויס —
נאָך אַלעמען, מיר דאַרפן דאָך געדענקען,
אַז זי, די פרוי פון יונגען דיפּלאָמאַט,
וואָס האָט אין לעבן שוין געהאַט פון אַלץ צו זאַט —
געוווּסט האָט אויך, אַז זי איז זייער שיין.
און איצט? — אַזאַ געלעגנהייט, אַליין!...
באַפרייט זיך אויף אַ וויל פון איר פאַרליבטן מאַן...
(זי האָט אַמאָל נאָר בלויז געחלומט פון דערפון)

און דאָ — דער וייטער, מאַכטיקער, צעשפּרייטער אָקעאַן,
די מעוועס זילבערנע, די הייסע זון,
די מענער, רייזנדער, דער שטאָלצער קאַפּיטאַן,
די לעצטע גרוסן פון די ווייסע אַלבאַטראָסן,
די נעכט אין גרויסן באַר, שפּאַצירן אויפן דעק,
די יונגע, ווי פון קופער אויסגעהאַמערטע מאַטראָסן...
אַ, וויפיל איינגעהאַלטענער און זיסער, צאַפּלדיקער שרעק!

ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, למשל, דעם באַגריף וואָס ס׳מיינט זיך שעמען פאַרוואָס נישט געבן און נישט נעמען? —

יאָ, וויפיל ווילדע גליקן ס׳ווילט זיך עמיצן פאַרטרויען,
נאָך וואָס זיך קלאַמערן אָן ליגנערשן בזיון,
למאי אַ דורשטיקע נישט געבן און נישט נעמען,
ווער ווייס דאָס אָנצורופן, כלומרשט, וואָס מען טאָר.

.4

און ווי עס רייסט פון תפיסה זיך אַרויס אַן אַרעסטאַנט
אַזוי האָט זי זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן אויף דער פריי
און דאָ דערזען דאָס לעבן און די וועלט אַזוי אינטערעסאַנט: —
ווי צאַפּלדיק, ווי פריש, ווי אַנדערש און ווי ניי.
זי האָט אויף דעם שוין לאַנג מיט בענקעניש געוואַרט,
אַזוי פיל שטילע, גלייכגילטיקע יאָרן
געזעסן איז זי בלויז מיט זיך אַליין פאַרשפּאַרט,
נאָר איצטער — אומבאַדינגט, זי מוז געפינען וואָס זי האָט פאַרלאָרן:
נישטאָ קיין צוימען מער, קיין גרענעץ, קיין באַריער...

אָט, לאָמיר שוין אפילו זאָגן — אויף דער שיף דער יונגער אָפיצער —
ער אינטריגירט זי, יאָ, זי טראַכט פון אים, געוויס...
זי איז כמעט פאַרליבט אין זיינע שטאַרקע פיס,
צי אפשר גאָר אַמאָל אין זיין פאַרהאַרטעוועטער ברוסט
באַוואָקסן אַזוי ווילד מיט שטעכעדיקע האָר.
פאַרוואָס זי ט׳אים געליבט האָט זי אַליין אוודאי נישט געוווסט,
דאָס איז איר אינגאַנצן נישט געוועזן קלאָר,
קען גרייל׳עך זיין, אַז בלויז דער מאַן נאָך אומבאַקאַנט און פרעמד
האָט תאווהדיק געריצט די פּרוי פון סינגאַפּור...
נאָר ווי דאָס זאָל נישט זיין, האָט זי דאָ מיטאַמאָל איר שעמעוודיקן העמד
אַראָפּגעטאָן פון זיך און פשוט ווי אַ הור
פאַר אים געבליבן שטיין מיט צוויי פאַרלייגטע הענט,
פונקט ווי זי וואָלט מיט זיי איר נאַקעטקייט פאַרשטעלט.

און אים, דעם אָפיצער, געדוכט האָט זיך אַז ס׳ברענט: —
דער ים, די שיף און ער, די גאַנצע מאָדנע וועלט,
און ברענענדיק אַליין, גלייך ווי אַ ווילדער הונט,
ער בייסט, ער שניידט די ציינער אין איר אַריין ביז בלוט:
— אָ, ווי קיל עס איז איר בויך, איר בוזעם — אַזוי רונד,
און איר איז אַזוי גוט... יאָ, וווּנדערלעך און גוט...
נישטאָ פאַר דעם קיין רייד, נישטאָ קיין ווערטער מער...
אַ צאַפּל, אַ מינוט — אַן אייביקייט אַצינד,
עס מישט זיך, דוכט זיך איר, אויס הייליקייט מיט זינד, —
צו אַלדי שוואַרצע יאָר, — דער יונגער אָפיצער, —

ווער קען נאָך אַזוי שטאַרק דיך קלאַמערן, ווי ער,
און פאַלט פון העכסטער הויך צעשמעטערט און באַזיגט...
אין הייסער לײַדנשאַפט זי ווערט פון אים דערשטיקט

.5

אויף מאָרגן איז זי אויפגעשטאַנען שפּעט
די פרוי פון יונגען דיפּלאָמאַט.
זי האָט דערפילט זיך ליידיק, אויסגעשעפּט און מאַט
אָ, זי וועט דעם גאַנצן טאָג היינט ליגן גאָר אין בעט,
פאַרבלייבן דאָ אַליין מיט זיך אין דער קאַבינע.
וואָסי? — זי בענקט אַצינד נאָך סינגאַפּור, נאָך כינע,
נאָך איר פאַרליבטן, אָפּגענאַרטן מאַן...

נאָר דאָ: — די שיף, דער אָפיצער, דער אָקעאַן,
דער אויסגעשפּרייטער, ווייטער האָריזאָנט.
דאָס האָט איר גאָר אַן עפּעס אַנדערש וואָס דערמאָנט:
די לעצטע נאַכט מיט אים. ער האָט זי ווי אַ חיה באַלד צעריסן,
זיין תאווה האָט זי ביידן אַזש פאַרפּלייצט...
איר ברוסט איז נאָך פון אים אפילו איצט צעביסן.
אָ, ווי ס׳האָט איר לייב משוגע אים גערייצט,
ער האָט אַזש פון זיין הויט אַרויסשפּרינגען געוואָלט...

און זי? — נאָר בלויז פאַר דעם, פאַרוואָס זי האָט אים האָלט:
וואָס מערער ער באַפעלט, וואָס מער ער בייסט און קושט —
אַלץ גליקלעכער איז זי. אַלץ שטאַרקער איז עס... בעסער...
פון דעם האָט זי ביז היינט, דאָך קיין זאַך נישט געוווּסט...
אין זיין ברוטאַלער מאַכט זי פילט זיך עפּעס גרעסער...
ווי גרויס... ווי גרויס און שטאַלץ... ווי שטאָלץ זי איז געווען...
זי גלעט זיין הייסן קאָפּ, זיין ליבן־קאָפּ דעם בלאָנדן
און קילט מיט איר באַריר זיין פייערדיקן ברען.

די שיף האָט זיך דערווייל דערנענטערט שוין צו לאָנדאָן,
זי איז פאַרטאָג אַריין אין וואַסער פון „גרייט בריטן״
און האָט איר שנעלן גאַנג ווי מיטאָמאָל געביטן.
זי שווימט פּאַמעלעך איצט, און אָט — זי שטעלט זיך אָפּ.
דער האַפן רופט. אַ ווייכער רעגן דריזלט איבער שטאָט.
די פּאַסאַזשירן אַלע זיינען שוין פון שיף אַראָפּ
און פעסטע ערד דערפילט האָט אונטער זיך איעדער טראָט,
און הערצער האָבן אָנגעגאָסן זיך מיט פרייד,
מיט שטילער פרייד זיך אָנגעגאָסן פון דאָס ניי.
אַ טאַשנטיכל האָט נאָך לאַנג און אומעטיק געוויינט,
געוויינט אַ לאַנגע צייט מיט בענקעניש — „גוד־ביי״.

.6

לאָנדאָן. „רידזשענט פּאַלעס“. „פּיקאַדילי“.
זי שפּילעט אָפּ ביים שפּיגל לאַנגזאַם איר קאָרסעט.
אָט וועט ער באַלד זי לעבן זיך אַ גליקלעכער דערפילן.
ער וואַרט אויף איר געדולדיק אויסגעטאָן אין בעט.
די רגעס פון דערוואַרטונג זיינען אַזוי גרויס און זיס,
ער וויל זיי זאָלן איצט פאַר אים זיך אייביק, אייביק ציען.
מיט אויגן גיריקע באַקוקט ער אירע פיס —
עד, ווי גרויסאַרטיק, ווי רייך... זיי מאַטערן און בריען...
זיי לאָזן נאַקעטע אים קיינמאָל נישט צורו,
און דאָך איז ער צופרידן, וואָס זי קומט אויף גיך צו אים נישט צו
און ברענגט נישט מיטאמאָל איר גאָב מיט זיך צוטראָגן...
דאָס העמד, אַ שטיקל זייד, אַ בענדל פון קאָרסעט,
די שטילע צוגרייטונג — דאָס האָט אַ סך צו זאָגן,
אַמאָל נאָך אפשר מערער פונעם פּראָסטן בעט...
דער חיהשער באַגער איז גאָר נישט אַזוי וויכטיק,
דעריבער ליגט ער שטיל און וואַרט אויף איר געדולדיק...

אין נומער 700 כאַפּט שוין ווערן ליכטיק,
און זי איז מיד און פויל, זי פילט זיך עפּעס שולדיק
אין דעם גראָען שיין פון פריאיקן באַגינען.
אַ מוטנע ליכטיקייט נעמט איבער נאַכט צערינען
און גייט אויף מיט אַ טאָג אַ ווינטערדיקן, פרישן.
זי האָט זיך טיפער איינגענורעט, ווי פאַרשעמט אין קישן,
און ער ליגט לעבן איר אין אַזאַ שווערן שלאָף.
האָט זי זיך אויפגעכאַפּט ווי אויסגעניכטערט, סוף כל סוף,
זי האָט דערפילט זיך ביליק, אויסגעלאָסן, נישט באַקוועם,
זי האָט זיך אָן איר מאַן דאָ מיטאַמאָל דערמאָנט, —
און ס׳ווילט זיך איר אַנטלויפן איצט פון דעם —
וואָס טוט דאָ לעבן איר אַ פרעמדער אזוי נאָנט,
וואָס האָט ער דאָ מיט איר אַ גאַנצע נאַכט געטאָן?...
זי שטייט אַ מידע אויף און טוט זיך האַסטיק אָן,
פאַרשנורעוועט צוריק איר אָפּגעדעקטע ברוסט,
און פילט ווי אַלץ אַרום איז אויסגעשעפּט און פוסט: —
ווי מיאוס ער זעט אויס, ווי העסלעך ער קען שלאָפן...

זי איז מיט עקל אויף דער גאַס אַרויסגעלאָפן,
דורך נאַכט האָט איבער לאָנדאָן ווינטערדיק געשנייט.
אַ קילקייט אַ פּראָסטיקע אויף רידזשענט סטריט געוויט
און רעשטלעך שיכורע פון הייליקן „קאַלייד“
געוואַלגערט נוצלאָז האָבן זיך אין „רידזשענט פּאַלעס“.
דער טאָג האָט איינגעהילט זיך זויבער אין אַ ווייסן טלית,
פאַרבונדן זיינע לענדן מיט אַ זילבערדיקער שנור,
און האָט באַגעגנט מיט אַ בריטן שמייכל די פּרוי פון סינגאַפּור.

מיסיס פּאַסטער

יאַן, דער קינסטלער יאַן איז שוין געווען אַלט.
ער איז געזעסן דעם גאַנצן טאָג אויפן אַספאַלט
ביים בריטישן מוזעאום אויפן טראָטואַר
און געמאָלן מיט שטומען אינערלעכן צער
זיין נאַרישן געמעל.

מיט קרייט, מיט שטיקלעך ביליקן פּאַסטעל
פלעגט ער מאָלן דאָרטן זיין פּאָרטרעט
פון אַן אומבאַקאַנטער, לאָמיר זאָגן, דאַמע,
אָדער גאָר אַ שוואַרצן סילועט,
אַ זון־פאַרגאַנג אין רויטע ברענענדיקע פלאַמען,
אַ הונט — אַ בולדאָג ענגלישן מיט שטאַרצענדיקע ציינער.

נאָר אומקוקן אויף יאַנען פלעגט זיך קיינער,
און כאָטש עס איז געלעגן לעבן אים זיין הוט,
און יעדערער געוווסט ביי זיך האָט גוט
אַז יאַן קלייבט ווי אַ בעטלער פּענעס —
האָט דאָך אוודאי קיינער נישט געקאָנט פאַרשטיין,
למשל, ווי ער קען עס
זיצן דאָ אַ גאַנצן טאָג אַליין
און מאָלן אויף דער גאַס פּאָרטרעטן.

יאַן, דער קינסטלער יאַן האָט זיך געשעמט צו בעטן,
דערמאָנען יעדערן אַן זיין פאַרשטיקטן גרויל;
אַז ער האָט שוין חדשים אין זיין מויל
קיין לעפל הייסן זופּ אפילו נישט געהאַט.
ס'האָט קיינער פּשוט נישט געקאָנט פאַרשטיין,
אַז דער וואָס עסט צו זאַט
וועט איבערלאָזן אים אַליין,
אַן עלנטן אין איינזאַמקייט פאַרגעסן.

יאַן האָט הונגעריק געטראַכט פון עסן,
און דאָך געווען איז ער תמיד שטאָלץ,
אז ער איז נישט אַט סתם אזוי אַ גלעבע האָלץ,
אַ גולם וואָסערער מיט עקלדיקע זיטן...

אין לעצטן קריג האָט ער געקעמפט פאַר בריטן,
געראַנגלט זיך פאַרביסן אויפן פראָנט,
ער האָט מיט זיך אַ בלוטדורשטיקן לייב דערמאָנט
און איז שיר־שיר אין שלאַכט דאַן נישט געפאַלן.

מען האָט אים אויך באַשאָנקען מיט מעדאַלן,
מיט קרייצן כלערליי פון זילבער און פון אייזן...
זיין העלדישקייט האָט ער געוואָלט פאַר אַלעמען באַווייזן,
מיט מוט פאַרטיידיקן זיין פאָטערלאַנד —
און הענגען איז געבליבן טויט זיין האַנט,
דעם שונאס קויל האָט דורכגעלעכערט אים זיין אָרעם.

און איצטער ליגט ער דאָ פאַרלאָזן ווי אַ וואָרעם,
ער ליגט אַ גאַנצן טאָג אַליין
און בעטלט פענעס.
דער עולם האַלט כסדר אין איין גיין
און וויל אים זיכער נישט פאַרשטיין,
און יאָ? — ער ליידט און הונגערט,
יאָ, ער קען עס...

איז יאָן ביים בריטישן מוזיי
אַלצאיינס, אין קאַלטן רעגן צי אין שניי
גלייך ווי אַ שמאַטע אויסגעצוצט געלעגן.
זיין בילד פלעגט באַלד אָראָפּווישן דער רעגן,
און ער פלעגט דאַרפן מאָלן פון דאָס ניי.
און מענטשן האָבן אַלץ געשטראָמט פאַרביי,
געשטראָמט אַזוי ווי אין געיעג
מיט איילנדיקן, פרעמדן טראָט
דורך אַלע טעג
אין גרויסער שטאָט.

צו אָונט צו
האָט יאָן געחלשט שוין נאָך רו,
דער גאַנצער טאָג איז אים אַזוי מין שווער געפאַלן.
דאַן פלעגט ער נעמען שטאַלץ באַטראַכטן די מעדאַלן
צוגעשפּילעט צו זיין לינקער ברוסט.

געזויס האָט ער גאַנץ גוט געוווּסט,
אַז די מעדאַלן זיינען גאָרנישט ווערט, —
אפילו נישט קיין ביסל לעבלעכן געקעכץ,
און אויפהייבן פלעגט ער זיך פון דער ערד
מיט שטילן קרעכץ,
און גיין, און שלעפּן זיך פאַרקלערט
אַלצאיינס ווהין מיט הונגעריקן מאָגן.
ער האָט קוים־קוים אויף זיך דעם גוף זיינעם געטראָגן,
נאָר לאָמיר שוין אפילו זאָגן,
אַז ער וואָלט יאָ געהאַט אַ שטיקל ברויט,
און ס'וואָלט פון זיינע אויגן נישט אַרויסגעקוקט דער טויט, —
וואָלט אויך געווען מיט יאָנען גוט פּאַסקודנע.

אַליין האָט ער געפּילט זיך נודנע,
אויסגעשעפּט, פאַרלאָרן אויף דער וועלט.
האָט ער זיך איצט געשלעפּט פאַרגליווערטער פון קעלט
אין רעגן האַרבסטיקן איבער דער גרויסער שטאָט,
און פּלוצים האָט געגומען וואַקלען זיך זיין טראָט,
ער האָט פאַרלאָרן אונטער זיינע פיס דעם גרונט
און היימלאָז ווי אַ הונט
איז יאַן דער קינסטלער אויף דער גאַס געפאַלן.

פאַרשעמט זיינען געבליבן הענגען די מעדאַלן
אויף דער לינקער ברוסט פון זייער טויטן באַלעבאָס.
נאָר ס׳האָט מיט גאָרנישט זיך געביטן „טשערין קראָס״: —
אַ מענטש איז אויף דער גאַס געפאַלן,
אַ מענטש מיט אייזערנע מעדאַלן, —
נו, איז וואָס ?...

דער עולם איז אפילו נישט געבליבן שטיין.
עס האָט זיך נישט געהערט אין ערגעץ קיין געוויין,
קיין שבחים נאָכן מת, קיין הספד און קיין תפילה.
ס׳האָט „טשערין־קראָס״ געשטראָמט צו „פּיקאַדילי״
ווי אַלעמאָל, ווי אייביק, ווי געווען.
און קיינער האָט אפילו נישט געזען,
און נישט באַמערקט אין איילעניש האָט קיינער,
ווי ס׳פעלט צעווישן זיי איצט איינער,
עס פעלט איצט צעווישן זיי
דער קינסטלער יאַן פון לעבן ברימישן מוזיי,
וואָס האָט מיט שטומען צער
געמאָלן בילדער אויפן נאַסן טראָטואַר.

אין זעלבער צייט געלעבט האָט „פּיקאַדילי״,
געשריען מיט עלעקטרישע פּלאַקאַטן.
עס פלעגן צושלייכן זיך שטיל אויטאָמאָבילן
אַרויסשפּייען פאַרכאָוועטע מאַגנאַטן
ביי רוישיקע האָטעלן.

די שווייצערס פלעגן צונעמען באַפעלן
צוזאַמען מיט די קלינגענדיקע „טיפּס״,
און פרויען ווי מיט פּנימער פון גיפּס
געוווסט האָבן שוין דאָרטן אַלע טירן,
און אַלע קאָרידאָרן וווּ זיי פירן
צו די מאַגנאַטן און באַנקירן.

איז אין האָטעל
געוועזן תמיד לעבעדיק און העל

מען ט׳נישט געפילט דעם עלנט פון דער גאַס, —
ווו ס׳האָט גערעגנט אומעטיק, און נאַס
און זונות זיינען בלויז געשטאַנען ביי די ווענט...

דאָ האָבן לאָמפּן פריילעכע געברענט,
עס האָט געטומלט זיך אין גרויסן באַר: —
„היי, וייטער, — מאַשרומס ענד קאַוויאַר״,
„איי וויסקי, פּליז... שאַמפּיין פאָר טו״...
די קעלנערס האָבן נישט געהאַט קיין רו, —
באַפּאַדעט אויסגעפּוצטע פּראַנטן...
דער בליץ פון גאָלד און פון בריליאַנטן
האָט אויגן שיכורע געבלענדט,
און לאָמפּן האָבן פייערלעך געברענט...

און טאַקע דאָ
ביז שפּעטער שלעפעריקער שעה
האָבן די מאַגנאַטן
פאַרקויפט די אַקציעס פון האַרמאַטן,
פון טאַנקען, באָמבעס, גאַז־מאַסקעס, געווער...
עס איז געוואָרן שווער
פאַר זיי די שטילע צייט.

די אויסגעפּוצטע, שטייפע לייט
געחלשט האָבן שוין נאָך קריג,
נאָך שחיטות מענטשישע און בלוט.
און ס׳האָט אַצינד אויף זיי גערוט
דאָס קלוגע שמייכעלע פון זייער זיג: —
„זאָל לעבן קריג״,
— היי, דזשענטלמען, זאָל לעבן קריג״!..

מיט יאַנען האָט אוודאי דאָס קיין שייכות ניט געהאַט.
וואָס קימערט אים, אַ שטייגער, איצטער אַ האַרמאַט
צי לאָמיר שוין אַפילו זאָגן —
די מעדאַלן וואָס ער האָט אַזש ביזן טויט געטראָגן
אויף דאַרער ברוסט און פוסטן מאָגן? —
דאָס לעבן איז דאָך סיי ווי סיי
נישט ווערט קיין שפּיי.

האָט דאָ אָבער פּאַסירט אַזאַ געשיכטע:
דער יונגער דיכטער,
דער יונגער גוט־באַוווסטער בעל
האָט טאַקע אין אַזא מין ענלעכן האָטעל
פאַרפירט אַ היציקן ראָמאַן
מיט לאַנדאַנס איינע פון די שענסטע ליידיס.

ער האָט זי דאָ אפילו שיר נישט צוגענומען פון איר מאַן,
אַנטפלעקט פאַר איר שוין אַלע זיינע סודות,
געשריבן, ווי אַ יינגל, פייערדיקע לידער,
געליבט זי הייס, מיט אַלע זיינע גלידער,
געליבט זי פיבערדיק און פראָסט אָט ווי אַ יונג אַ פראָסטער.

און זי, די שיינע מיסיס פאָסטער
האָט טאַקע אַלץ פאַרערט, וואָס ער האָט נאָר געשריבן,
זי האָט געוואָלט ער זאָל זי ווי משוגע ליבן,
דאָס איז ביי איר געווען אַזאַ קאַפּריז...

איז זי אַוועק מיט אים פון לאָנדאָן קיין פּאַריז.
דאָרט האָבן זיי געלעבט, אַ קורצע צייט, ווי מאַן און ווייב.
(ביי איר איז דאָס געווען אָט גלאַט אזוי — אַ שטיקל צייט פאַרטרייב)
— אָט זאָל מיט איר אין בעט
איצט שלאָפן אויך אַ ברויזיקער פּאָעט,
אַ פייער־פלאַם, אַ ווינט, אַ שטורעם, אַ טייפון,
צי אפשר גאָר אַ מילדע פרילינג־זון, —
אַזאַ מין בראַנד
געווען איז נאָך פאַר איר אינגאַנצן אומבאַקאַנט,
און איצט פאַר אירע יונגע, בליענדיקע 28 יאָר
איז דאָס געווען ביז גאָר
אינטערעסאַנט.

נאָר בעל, דער דיכטער בעל, האָט אַנדערש זיך געפילט.
ער האָט זיך מיט זיין ליבע נישט געשפּילט,
נישט אינטריגירט מיט אָנשטעלן און פוסטע רייד.
אין איר האָט ער דערפילט זיין פרייד,
די טיפע פרייד פון יונגע ברויזנדיקע יאָרן,
זיין פערז איז דאַמלסט אַנדערש, וואָגיקער געוואָרן,
ער איז געוואַקסן ווי אַ ריז...
נאָר ס׳האָט דערעסן באַלד פּאַריז
דער פרוי פון ענגלישן מאַגנאַט.
זי האָט דעם דיכטער שוין געהאַט
גענוג, צו זאַט...

און דאַן
האָט זי פאַרבענקט זיך ווידער נאָך איר מאַן.
אומזיסט האָט זי געמיינט, אַז זי וואָלט קאָנען
בלויז פאַר אַ דיכטער אָפּגעבן איר מאַנס מיליאָנען —
פאַר דעם איז מיסיס פאָסטער דאָך געווען צו קלוג.
זי האָט זיך אָנגעשפּילט מיט אים און שוין, —
גענוג...

מען קען נישט זאָגן אָבער אויך אַז בנאַטור
איז מיסיס פּאָסטער פראָסט געווען אַ הור.
אַ, ניין, זי האָט פון אַלעמאָל געקליבן אירע מענער
און נישט אַיעדע צווייטע נאַכט, למשל, מיט אַן אַנדערן פאַרבראַכט
אויב יענער איז געוועזן בלויז אַ ביסל שענער...

זי האָט געהאַט, מען מוז איר צוגעבן, געשמאַק און חוש
און האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרטרונקען בלויז מיט זנות —
אַ מאַן ביי איר געדאַרפט האָט זיין אַ מאַן
און נישט קיין שמאַטע וואָסערע, קיין העלד פון אַ ראָמאַן
ארויסגעלייענט ערגעץ־ווו פון ביכער...

זי האָט געוואָלט מיט אים זיין זיכער,
ער זאָל זיך איר מיט אַלץ פאַרטרויען,
בלויז איר אליין — פון אַלע זיינע פרויען, —
פאַרלאַנגט האָט זי פון אים אי העפלעכקייט, אי תאווה.

און מאָדנע — סיי ווי
האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט
זי זאָל אַריינציען איר לייכטן פלירט
אין טיפע, ערנסטע געפילן.
איר טבע איז געווען — אָט גלאַט אזוי, זיך שפּילן,
און בעל איז אויך געווען נישט מער ווי אַ קאַפּריז...

זיי זיינען ביידע שוין געקומען פון פאַריז
צוריק קיין לאָנדאָן.
און אין אַ טאָג אַ פרילינגדיקן, בלאָנדן,
ווען ס׳האָט אין ענגלאַנד שוין געבליט דער בעז,
און מענער האָבן אומגעזוכט נערוועז
אויף טומלדיקער גאַס מיט וועמען זיך צו פאָרן, —
האָט בעל דערפילט אַז אַלץ איז אַנדערש אַרום אים געוואָרן,
ער האָט דערפילט, אַז ער האָט זי פאַרלאָרן,
זיין ליבע האָט זי אים, נאָך אַלעמען, צוריק געשיקט.

און כאָטש זיי האָבן פריינטלעך זיך צעשיידט,
זיך נישט געזידלט און אויך זיך נישט געקריגט, —
צעשיידט געלאָסן זיך אָן איבעריקע רייד, —
האָט ער דאָך גוט געוווסט, אַז ס׳אי שוין שפּעט
דעם ריס צווישן זיי איצט צו פאַרריכטן.
ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס, וואָס בעל איז אַ פּאָעט,
וואָס האָט פאַר איר אַליין געשריבן בלויז געדיכטן,
און וואָס ער איז באַוווסט כמעט אויף גאָרער וועלט, —
ס׳האָט מיסיס פּאָסטערן באַשטימט נאָר בלויז איין זאַך געפעלט, —
געפעלט האָט איר נישט מער ווי ליבע.

האָט בעל צו איר אין יענעם טאָג אַ בריוו געשריבן,
ער האָט געוואָלט זיך דורכריידן צום לעצטן מאָל מיט איר
און אָנגעפּאַנגען האָט ער אָט אזוי: —
„מיי דיר,
אָט ווי עס זאָל דיר נישט געפעלן וואָס איך שרייב,
האָב איך אוודאי נאָך אויף דעם אַ שטיקל רעכט.
איך ווייס נישט ווער פון אונדז עס איז גערעכט,
נאָר איך האָב דאָך פאַרמאָגט דיין ציטעריקע לייב,
וואָס דו האָסט אָפּגעגעבן פאַר אַ צייט אין מיין רשות.
איך גלויב, אז דאָס איז דאָך אַוודאי נישט געווען קיין זנות,
קיין ביליקייט און לייכטזין פון אַ שוואַכער פרוי.
דעריבער בעט איך דיך אַריבערקומען אין האָטעל „סאָוואָי”,
איך מוז דיך ווידער זען
און איבעררעדן דאָס, וואָס ס׳איז מיט אונדז געשען,
איך ווייס, אַמאָל קען דיר דאָס אויך געפאַלן שווער,
נאָר זאָג נישט אָפּ צום לעצטן מאָל כאָטש מיין באַגער”...

זי איז געקומען.
זי האָט דאָס ערנסט לכתחילה נישט גענומען:
די גאַנצע זאַך איז נאָר אַ שפּאַס.
נאָר בעל האָט ברויזנדיקן כעס
אין זיך דערשטיקן נישט געקענט.
ער האָט פון צאָרן אַזש געברענט
און האָט פאַרלאָרן נישט געוווּסט אוודאי וואָס ער טוט, —
עס האָט געקאָכט אין אים זיין בלוט
און נאָר דורך ווילדער משוגעת
האָט ער געקאָנט באַפרידיקן זיין כעס,
און פלוצלונג איז צו זיינע פיס דער רעוואָלווער
אַראָפּגעפאַלן טעמפּ און שווער, —
טעמפּ און שווער צו זיינע פיס,
און גרעסער איז געוואָרן צווישן זיי דער ריס, —
אַ שניירל בלוט האָט זיך געריזלט קלעפּעדיק און רויט.
געווען איז מיסיס פּאַסטער טויט.

אין פרילינג איז געלעגן לאָנדאָן,
אין פרילינג ווייכן, דורכזיכטיקן, בלאָנדן,
און ווען אין ענגלאַנד האָט געבליט דער בעז,
און מענער האָבן אומגעזוכט נערוועז
מיט ווען זיך אין אָוונט צו באַהעפטן —
האָט מיסטער פּאָסטער פון דאָס ניי געפירט געשעפטן
און ספּעקולירט מיט אַקציעס פון האַרמאָטן.
ער האָט געוואַרעמט אויך מעדאַלן
פאַר פּראָסטע, אָרעמע סאָלדאַטן,
וואָס וועלן פּונקט ווי יאַן נאָך פאַלן
אין קריג אָן שבחים און אָן תפילה.

און איבער אַלץ געררוישט האָט „פּיקאַדילי".
אין פרילינג ווייכן, דורכזיכטיקן, בלאָנדן —
געלעבט האָט לאָנדאָן,
געלעבט ווי אַלעמאָל, ווי אייביק, ווי געווען,
און קיינער האָט אפילו נישט געזען
ווי ס'פעלן איצטער צווישן עולם צוויי —
די שיינע מיסיס פּאָסטער
און יאַן, וואָס איז געשטאָרבן ווי אַ טרעמפּ אַ פּראָסטער, —
דער קינסטלער יאַן, פון לעבן בריטישן מוזיי.

אין אַ רעגן

כמעט אַ גאַנצן טאָג איז ער געזעסן אין דער היים אַליין.
אים איז געווען אומעטיק, ווי אומעטיק עס איז אַמאָל אַ שטיין
וואָס ליגט אַ נוצלאָזער פאַרוואָרפן ערגעץ־ווו אויף וועגן.
געפאַלן איז אין יענעם טאָג אַ דריבנער רעגן,
אַזוי ווי עמיצער וואָלט דינע שטראָמען וואַסער נאָכאַנאַנד געמאָלקן.
עס איז איבער דער גאַנצער שטאָט געהאָנגען נידעריק אַ שווערער וואָלקן,
אַזוי מיין נידעריק און שווער, אַז אַנגעגרירט האָט ער אויש באַלד די דעכער,
און ס׳האָט אַ פייכטקייט קלעפּיקע געשפּאַרט פון אַלע לעכער
און לאַנגווייליק געשפּרייט אויף גאַנצער וועלט אַ נאַסע מרה־שחורה.

די שאָפן עטלעכע אויף יענער גאַס — די קליינע „דיירי״,
די „בוטשערי״, די „קעפי״, די „פיש־שאָפּ״ און עטוואָס ווייטער — דער אַפּטייק, —
געשטאַנען זיינען לײדיק, אַ גאַנצן טאָג איז דאָרטן קיינער נישט אריין.
אומזיסט האָט זיך געשמאַק געדעמפט אין רעסטאָראַן דער פעטער „סטייק״,
און אויך אומזיסט געווונקען האָט דער קאַלטער „ניאָן־סיין״
מיט אותיות גלעזערנע אין רויט און גרין, אין בונטן, שרייאיקן קאָליר —
קיין הונט וואָלט קיינער דאָן אפילו נישט ארויסגעטריבן דורך דער טיר,
ליידיק אינעם רעגן האָט געצויגן זיך די פּוסטע גאַס,
ליידיק, מיזעראַבל, אומעטיק און נאַס.

נאָר אים האָט אָט די נאַסע מרה־שחורה עפּעס ווי געפרייט.
עס האָט הנאה אים געטאָן, וואָס קיינער קומט צו אים דאָ איצטער נישט צוגיין,
צעשטערן יענע שווערע איינזאַמקייט, וואָס האָט זיך אומעטיק
אין פלעט זיינעם געשפּרייט.
ס׳איז גוט אַז מענטשן לאָזן איצטער אים צורו מיט זיך אַליין,
מיט זיינע אייגענע מחשבות, וואָס קיינמאָל קען ער זיי נישט ביזן סוף דערטראַכטן.
אַמאָל, אין אָט אַזוינע רעגנדיקע, זויערע פאַרנאַכטן,
ווען ער איז נאָך געווען יונג, אין זיין קליינשטעטלשער, פּראָווינציעלער סביבה,
ווו ס׳האָט זיין צוקונפט זיך געשפּרייט פאַר אים אַ קינדישע, נאַאיווע
מיט מעגלעכקייטן פון אַ גרויסער וועלט, מיט העלע שמייכלענדיקע טעג
אריבער יענע פעלדער האַרבסטיקע, וואָס האָבן זיך געצויגן העט אַוועק
ביז סאַמע וייטן ראַנד פון גרויען האָריזאָנט —
פלעגט ער אַריינפאַלן אין פיבערישע טרוימען.
און איצט האָט אים דער רעגן מיט אַמאָל דערמאָנט
אָן אַלע יענע אַלטע קינדערישע טרוימען,
וואָס האָבן אויסגעטריקנט שוין פון לאַנג ביי אים אין זיין זכרון
דורך אַזוי פיל דורכגעלעבטע אומעטיקע יאָרן.

איז ער געזעסן דאָ אַליין אַן אָפּגעזונדערטער אין צימער.
דער אומעט זיינער איז געקראָכן טיף אין זיינע ביינער.
נאָר קיין זאַך, מוז מען זאָגן, האָט אים איצטער נישט געקימערט: —
איז וואָס, אויב ס'איז דער וועג אין לעבן פול געווען מיט שטיינער
און ס'זיינען אַלעמאָל אַזוי פיל שטרויכלונגען פאַרלאָפן אים אַנטקעגן? —
אַן עסק. איצט איז גוט — די פולע טונקלקייט, די פייכטקייט קלעפּיקע, דער רעגן,
דער נאָסער בין השמשות וואָס האָט געלייגט זיך אויפן האַרצן שווער און מאָנאָטאָן, —
דאָס האָט אים אַלץ הנאה גאָר געטאָן:
ס'איז גוט, זאָל מבולן אויף דער וועלט, זאָל דונערן און בליצן...
עס ווילט זיך אים אַליין מיט זיך דאָ דווקא זיצן —
און זאָל די בענקשאַפט שניידן טיף און שאַרף ווי מיט אַ מעסער.
וואָס טיפער ס'איז דער שניט — אַלץ לייכטער איז עס, בעסער,
אַלץ מערער שטילט זיך איין זיין אומרו, זיין ברוזיקער געמיט...
עס וואַקסט די תבואה אויך אין פעלד דאָך בלויז ווי פאַרן שניט,
און ס'איז פאַראַן אין יעדן וויטאָק דאָך אַ פונק פון געטלעכער יצירה.
איז זאָל דער אומעט ברענען הינטער זיינע טירן —
ער האָט דאָך סיי ווי סיי קיין גרויסע פרייד אין לעבן נישט געהאַט.

דערביי האָט ער זיך ווייכער איינגעטוליעט אין זיין וואַלענעם כאַלאַט
און נישט אַראָפּגעטאָן אפילו זיינע וואַרעמע פּאַנטאָפל
האָט ער זיך אויף אַ רגע צוגעלייגט אויף דעם דערבייאיקן דיוואַן.
פון אַזאַ רעגן וואָלט אוודאי אין דער היים געגומען פוילן די קאַרטאָפל
צוזאַמען מיטן האַרטן, שטעכיקן בוריאַן
וואָס איז, ווי ער געדענקט, נאָך פון אַמאָל, אויף פעלדער ליטווישע געוואַקסן,
יאָ, יאָ. עס פלעגן איינזינקען די וועגענער אין יענע בלאָטעס ביז די אַקסן
צוזאַמען מיט די פּוערישע בידנע פערד.
ווי אָרעם דאָס האָט אויסגעקוקט זיין ליטווישע, זיין גראָע ערד.
געשוואָלן פלעגט זי ווערן אַלעמאָל אין האַרבסט. די זומפּיקע „פּאַסעקעס",
דער פוילנדיקער מאָך אין אויסגעפלייצטע וועלדער,
און צו דערצו — דער אומעט האַרבסטיקער פאַרוואָרפן איבער ווייטע שטרעקעס,
העט וויט, אויף שוואַרצע מרה־שחורהדיקע פעלדער
מיט גאַנצע שטייעס הייזעריקע וואָראָנעס
וואָס פלעגן נאָכאַנאַנד מיט ציטער פּאַרכטיקן פון ערב ראש השנה
דאָרט אויסקראַקן אַ שווערן אומעט — אָ, דאָס אַלץ געדענקט ער,
דאָס אַלץ האָט ער זיך איצט אַן איינזאַמער, פאַרבענקטער
דערמאָנט אין נאַסן בין־השמשות.

די טראָפּנס האָבן זיך דערווייל געקייקלט, ווי טראָפּנס גרויסע ראָסעס
פון די נאַסע אָוונטיקע שויבן. דער רעגן האָט נאָך אַלץ געדויערט,
און קעגן איבער אין קאַפּע געגומען האָבן זיך שוין מענטשן איינציקע פאַרקלייבן,
וואָס האָבן אויך פונקט ווי דער רעגן האַרבסטיקער געזויערט,

און אים געוואָרן שווער איז מיטאַמאָל אליין אין צימער צו פאַרבלייבן.
זיין גאַנצע שטימונג האָט זיך איצט ביי אים געהאַט געביטן: —
ער׳ט בעסער גיין. ער׳ט זען. גענוג איז ער דאָ שוין אַ גאַנצן טאָג געלעגן.
מען מוז זיך פאַר אזוינע שווערע שטימונגען אַוודאי היטן.
געוויס. ער וועט זיך אָפּפרישן אַ ביסל אינעם רעגן,
און אפשר וועט ער גאָר אַמאָל באַגעגענען אַ חבר,
וועט ער מיט אים ארומבלאָנקען א ווײַלע זאַלבעצווייט.
פון לאַנגן שוויַגן פילט ער ווי זיין צונג געוואָרן איז ביי אים פאַרזשאַווערט,
עס בענקט זיך פשוט נאָך אַ ביסל רייד,
נאָך עטוואָס וואַרעמקייט, צי נאָך אַ נאָענטער פרוי אפילו —
ער האָט אַ לאַנגע צייט קיין פרוי שוין נישט געהאַט. און לכתחילה
האָט ער זיך אויפגעהייבן פון דיוואַן און אָנגעפאַנגען טראַכטן ווו צו גיין.
— פע, פאַסקודנע זיך צו נודענען אַ גאַנצן טאָג אַליין...
און אויב ער האָט זיך פריער צו זיין אומעט צוגעווינט געהאַט —
האָט ער זיך אָבער איצט דערפילט אזוי מין אויסגעשעפּט און מאַט —
אַן אָפּגעזונדערטער פון אַלץ אויף גאָרער וועלט —
לעהיי, אַן אַרעסטאַנט אַהינטער צוגעמאַכטע טירן, —
און דורך זיין גאַנצן לייב איז דורכגעלאָפן ווי אַ ציטער אַ פאַסקודנע קעלט:
ברררר... עס ווערט שוין שפּעט. ער דאַרף זיך נאָך ראַזירן,
אָט דקווא איצט וואָלט ער זיך וועלן אויספּוצן פאַר זיך אַליין,
ער האָט זיך שוין אַ לאַנגע צייט פאַר קיינעם נישט געפּוצט.
און דאָך, הגם ער האָט שוין לאַנג זיין שבתדיקן בגד נישט גענוצט,
און האָט לחלוטין נישט געהאַט אַוו צו גיין
אין אָט דעם מיאוסן, פאַרכמאַרעטן געוויטער —
האָט ער ארויסגענומען שטיל פון אַלמער זיין גאַרניטער
און האָט אים פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט אויפן דיוואַן.

דאָס וואַסער האָט אַ שפּאַר געטאָן דערוויַיל פון הייסן קראַן
אין וואַנע־צימער מיט אַ פייכטער פאַרע.
עס האָבן אָנגעפאַנגען שוויצן די קאַכלאָווע ווייסע ווענט,
און ס׳האָט זיך איינגעהילט דאָס גאַנצע צימער אין אַ כמאַרע,
און טונקל עפּעס האָט דאָס ליכט עלעקטרישע געברענט,
און ער האָט זיך פאַרטרונקען ווידער מיט מחשבות: —
און ס׳האָט אַ נאַסע וואַרעמקייט אַרומגעכאַפּט זיין לייב,
אַמאָל האָט ער געדאַרפט זיך אפשר אויסזוכן אַ ווייב,
ער איז שוין מיד צו לעבן ווי אַ בעטלער פון נדבות,
אַ ליאַדע הור פון גאַס איז אויפהייבן ער גרייט,
ער יאָגט זיך ווי אַ הונט נאָך זיי אַ גאַנצן לעבן,
ער ציטערט אויף ביים יעדן פלאַטער פון אַ שטיקל קלייד —
און וועלכע פרוי, אַ שטייגער, האָט אים עפּעס וואָס געגעבן?
און וועלכע פרוי האָט אים כאָטש עטוואָס גליק געבראַכט,
און וועלכע הייסע פרייד האָט זיך פאַר אים צעפלאַקערט אין דער נאַכט?

און וועלכע פרוי האָט אויפריכטיק צו אים גערעדט,
און וועלכע ליבע האָט אים וועגן ניט איז דערוואָרעמט מיט אַ קוש ?
אַלץ, וואָס ער האָט געוווסט — געווען איז בלויז דאָס בעט,
דאָס פּראָסטע, האַרטע בעט מיט פּראָסטער, האַרטער זנות —
אַזאַ באַגריף האָט ער באַקומען פון דער פרוי,
אַזוי האָט ער זי אומעטום געזען, אַזוי האָט ער פאַרשטאַנען איר נאַטור :

און איצט — האָט ער זיך איינגעטונקט אין וואַנע ביז די ברעגן
און האָט דער וואַרעמקייט געלאָזן אים אַזש ביזן האַלדז פאַרשווענקען —
נאָר דאָך, קען ער אָן זיי נישט אויסקומען קיין רגע,
ער קען נישט אויפהערן פאַרשאַלטן נאָך דער פרוי צו בענקען,
ער קען זי קיינמאָל אין דער וועלט אין ערגעץ נישט פאַרגעסן —
דעם כישוף, וואָס זי טראָגט באַהאַלטן אַלעמאָל מיט זיך...
און מיטאַמאָל האָט אים פאַרוואָלט זיך עפּעס עסן,
ער וואָלט אַצינד געמאַכט זיך אויף דער קיך
אַ גוטן פרישן סטייק, צי גאָר אַ שטיקל לעבער,
מיט ציבעלעך אַ סך דאָס איינגעפּרעגלט ברוין און שמעקעדיק און פעט.
דערווייל האָט ער באַמערקט ווי ס'איז געוואָרן שפּעט,
דער רעגן האָט נאָך אַלץ געגאָסן אויף דער גאַס ווי פון אַ צעבער,
דאָס וואַסער האָט גערוישט, געפּלייצט אין ברייטע שטראָמען,
מיט אימפּעט זיך געטראָגן איבער אַלע רינעס
און ט'אויסגעזען ווי גאָלד צעשמאָלצענער אין ליכט פון די וויטרינעס
וואָס איז געפאַלן פון די אָונטיקע קראָמען.

איז ער אויף גיך אַרויס פון באָד און איילִיק זיך גענומען אָנטאָן.
אָט וועט ער פּרווון צוגיין גאָר צו זיינעם אַ באַקאַנטן
וואָס איז אַן אַלטער בחור פונקט ווי ער פאַרבליבן.
דער זייגער איז געווען שוין צוועלף מינוט נאָך זיבן —
ער וועט אים אין דער היים אַוודאי טרעפן איצטער,
ווייל יענער לעבט דאָך אויך אַליין ווי אין דער פרעמד.
האָט ער ארויפגעטאָן אויף זיך אַ שפּאָגל־נייע העמד,
זיך אָפּגעקילט אַ ווײלע פון דער וואַנע אַ פאַרשוויצטער
און האָט גענומען אויסבינדן זיין טייערן קראַוואַט.

קיין צייט האָט ער קיין סך שוין דאַמלסט נישט געהאַט,
און פון זיין וועטשערע האָט ער שוין אויך אַוודאי נישט געטראַכט, —
ער וועט אין רעסטאָראַן אויף גיך אַ ביים טאָן עפּעס וואָס,
כל זמן מען האָט אים נאָך אין רעגן נישט פאַרמאַכט,
און אָנגעגאָסן האָט ער זיך דערווייל אַ האַלבע גלאָז
מיט בראָנדי און פון דעם געכאַפּט אַ גרויסן שלונג...
די משקה האָט אַ הייסן ברי געטאָן זיין צונג

און ס׳איז אים אויף אַ ווייל אין מויל געוואָרן ביטער,
אַזאַ מין ביטערקייט האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געפילט.

ווען אַלעק גלאַזער איז ארויס אין גאַס, האָט זיך שוין דאָס געוויטער
געהאַט אַ ביסל איינגעשטילט. זיין פּנים האָט געקילט
אַ נאַסער ווינט. די לופט געווען איז פריש און אָנגענעם און פייכט.
עס האָבן מאָטאָר־קאָרס פאַרשפּעטיקטע געשלייכט
אין שטענדיקן געאייל צו דער באַלויכטענער און טומלדיקער קינאָ.
אַ פּאָרל איז געשטאַנען לאַנג ביי אַ וויטרינע
און נייגעריק באַקוקט די אויסגעשטעלטע סחורה.
עס האָט אין זייער בליק געברענט אַ מרה־שחורה,
אַ גײַציקער פאַרלאַנג פון אַ פאַרקנסטער פּאָר,
וואָס האָט די אַלע זאַכן דווקא זייער נייטיק.
גלאַזער האָט דערזען פאַרבייגייענדיק קלאָר
ווי זיי האָבן געקוקט אויף דעם מיט שטילן ווייטאָק —
דער ווייטאָק, ווען אַ מענטש קען קיין זאַך נישט דערגרייכן..
ער האָט באַמערקט איר פּנים אויסגעצערטן, בלייכן
און ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אויף זיי בעת מעשה אַ רחמנות.

די קינאָ האָט געטרונקען זיך אין ליכט מיט אירע בּיליקע קאָלאָנעס,
מיט אירע אָפּגעקאָלכטע ווענט און שרייענדיקע בילדער.
עס האָט זיך ביזן דאַך געהייבן אַ געפּילדער
פון מענטשן אין פּאָיע און איבער אַלע טרעפּ.
עס האָט געכוואַליעט זיך אַן עולם ווי אַ ים פון קעפּ
געקומען דאָ אַהער נאָרוואָס פון רואיקער פּראָווינץ...
די ווענט זיינען געווען באַהאָנגען פול מיט „סטאָרן״:
אָט קוקט אַראָפּ קלאַרק גייבל — אַ קליין־שטעטלדיקער פּרינץ,
און אָט איז טשאַרלי טשאַפּלין, וואָס מאַכט כסדר זיך צו נאַרן,
אָט שמייכלט אָנגעשטעלט די בלאַסע בעטי דייוויס
און נאָך אַ פּאָר האַלב־נאַקעטע, האַלב־שיכורע נקבות
מיט אָפּגעדעקטע פיס און שטאַרצנדיקע בריסט...
ביים קינאָ האָט זיך גלאַזער אָפּגעשטעלט פאַרלאָרן.
עס האָט אים פונעם עולם עמיצער באַגריסט,
און איז אין גרויסן זאַל פאַרפאַלן באַלד געוואָרן,
און גלאַזער איז געבליבן ווידער שטיין אליין.
דאָ האָט ער מיטאַמאָל באַשלאָסן נישט צו גיין
צו זיין אמאָליקן באַקאַנטן. ס׳וועט אויסקוקן אַ ביסל ווילד
און ער, אַן אויפגערעגטער האָט זיך קיין אָרט אין ערגעץ נישט געפונען,
צו קומען נאָך אַזאַ מין לאַנגער צייט צו אים אין פלעט,
און אַגב איז שוין אויך געווען שפּעט, —
וועט ער אַריינגיין בעסער אין טעאַטער אָנקוקן דאָס בילד.

האָט ער זיך איצטער צוגעשטעלט ביים פענסטערל פון קאַסע
און האָט גענומען וואַרטן אויף זיין ריי.
די מענטשן זיינען לעבן אים געשטאַנען נאַסע,
דער ווינט האָט אָנגעפאַנגען יאָגן בלעטער אין געדריי
און ס׳האָט פאַרשמעקט מיט האַרבסט, מיט נאַסקייט און מיט ווינטן.
נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַ מאָדנע וואַרעמקייט פון הינטן —
אַ פרוי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין ריי אַהינטער אים.
האָט ער זיך צוליב דעם אַ דריי געטאָן אַ ביסל אין דער קרים
ער זאָל זי קענען בעסער אָנקוקן און גוט באַקלערן.
זי איז געווען יונג מיט אַ פאַרשפיצטער ברוסט און מיט אַ הייכער טאַליע,
זי האָט געהאַט אַ ווייסע הויט און גאָר אַ ווייסן שטערן.
איר נאָענטקייט לעבן אים האָט אים באַגאָסן מיטאַמאָל ווי מיט אַ הייסער כוואַליע,
עס האָט גענומען טריקענען ביי אים אין מויל די סליונע,
ער האָט זיך אומגעדרייט נערוועז אַהער און אויף צוריק
און האָט געסטאַרעט זיך בלויז אָנכאַפּן איר בליק —
אַמאָל וועט זי צו אים אַ שמייכל טאָן, ווער וויס...

אין קאַלטן ווינט האָט ער דערפילט ווי ס׳ווערט אים מאָדנע הייס,
און ס׳האָט אים אַ געדאַנק אַ מיאוסער פאַרקלעמט,
אַז ער האָט זיך אַליין פאַר זיין געדאַנק פאַרשעמט —
צוואָס האָט ער געדאַרפט אויף איר אַזוי מין ציניש קוקן? —
און דאַן האָט ער זיך אויסגעדרייט ווי פריער מיטן רוקן
און איז געבליבן שטיין און וואַרטן אויף זיין ריי.

נאָר ערשט האָט זי זיך עפּעס ווי דערלאַנגט אַ דריי
און ס׳האָט איר הויכער בוזעם אָנגערירט זיין שולטער.
ער האָט אַ שוף געטאָן נערוועז, צעהיצט ווי אַ צעדולטער
נאָר האָט זיך נישט דערלאַנגט פון אָרט זיינעם קיין ריר.
פאַרקערט — ער האָט געוואָלט זיך נענטער צורוקן צו איר,
דערפילן בולעטער איר שטייפע, האַרטע ברוסט,
און ווי פון עמיצן געשטופּט, צעטומלט, אומבאַוווסט
האָט ער דערלאַנגט זיך שטיל אַ פאַרזיכטיקן רוק
און ווידער אָנגעשטעלט אויף איר זיין איינגעשפּאַרטן קוק
און פלוצים אומדערוואַרט אַרויסגעשטופּט אַן אָנגעשטרענגטן וואָרט.

זי איז געבליבן אָבער שטיין ווי פריער אויף אַן אָרט,
האָט זיך ניט אָפּגערוקט פון גלאָזערן אפילו אויף קיין שפּאַן,
דער פולער בוזעם אירער האָט אים אַלץ נאָך אָנגענעם געבריט
און דאָ האָט זיך דערוועקט אין אים די גאווה פונעם מאַן: —
אַהאַ — זי וויל דאָך אים בכיוון אויפרעקן — ווען ניט
וואָלט זי זיך דאָך פון אים אוודאי אָפּגעצויגן,

ער האָט דאָך שוין געפּרוווט צו איר אַפילו ריידן —
און דאָ האָט ער באַמערקט ווי ס'שמייכלען אירע אויגן —
און פאַר די פּלעצער ביי דער קאַסע האָט ער שוין באַצאָלט פאַר ביידן...

פון קינאָ זײַנען שפּעטער זיי אַרויס צוזאַמען.
קיין איין מינוט האָט ער איצטער נישט געוואָלט פאַרזאַמען,
עס איז געווען אַ שאָד צו פטרן די צייט.
די „קעפּי" האָט אַפילו נאָך געלויכטן פון דער ווייט,
נאָר גלאַזערן אַהין אַריינגיין האָט זיך נישט געגלוסט.
עס האָט אים נאָך געטומלט אַלץ איר הייכע, שטייפע ברוסט
און איצטער וויל ער שוין וואָס גיכער זיין אין „פּלעט"
מיט איר אַליין פאַרברענגען כאָטש אַ גאַנצע נאַכט,
און דאָרט, אין „קעפּי", האָט ער מורא, וועט מען זיך פאַרזיצן שפּעט,
און ער האָט איר אַ פאָרשלאָג פאַרזיכטיק געמאַכט —
מען וועט אַריין צו אים און דאָרטן האָבן טיי.

דאָס ליכט האָט גלאַזער אויסגעלאָשן ערשט אַרום אַזייגער צוויי,
די גאַנצע צייט האָט עס אין צימער לאַנגווייליק געברענט,
באַלויכטן אומעטיק די בילדער אויף די ווענט,
דעם שווערן אַלטן שראַנק, די מעבל, דעם דיוואַן,
די קישנס אויפן בעט און זיינע אַלטע אויסגעקרימטע שיך
וואָס זיינען וואָכן-לאַנג געשטאַנען לעבן דעם טאַפּטשאַן.
ער האָט פון אָנפאַנג אויף אַ ווייל געפּאָרעט זיך אין קיך,
האָט צוגעשטעלט די קאָפע אויפן הייסן רער,
און נאָכדעם האָט ער אָנגעפאַנגען שלעפּן שווער
אַ גאַנצן בראַזג מיט גלעזער, טעלערלעך און פלעשער
מיט שאַכטלעך כלערליי — מאַרנאַטן און סאַרדינען,
און פעפערדיקן וווּרשט, און קעז, און גאָפּל-מעסער,
דערנאָך האָט ער פאַרצויגן אויפן פענצטער די גאַרדינען,
און אָנגעשטעלט דעם טיש פונקט ווי צו אַ באַנקעט,
האָט ער זיך צוגעזעצט אַנטקעגן איר צופרידן אויפן בעט.

זיין בליק האָט איצט געגומען פאַלן אויף איר פולן בוזעם,
זי האָט געהאַט שוין אויסגעטאָן איר יאַקל
און איז געבליבן זיצן מערנישט אין איר בלוזע.
— ווי מאָדנע דאָס איז אַלץ — האָט גלאַזער זיך געטראַכט, — סך־הכל,
האָט ער זי מיט אַ קורצער צייט צוריק געטראָפן,
זי איז געווען פון אים לחלוטין ווייט און פרעמד,
און איצט וועט זי מיט אים צוזאַמען רויק שלאָפן,
זי וועט מיט אים פאַרבלייבן נאַקעט אין איין העמד
און וועט זיך פאַרן פרעמדן מאַן אַפילו אויפהערן צו שעמען.
פון שטאַרקן וויין געוואָרן זיינען פייכט ביי איר די ברעמען

די יונגע באַקן האָבן זיך צעברענט
און ס׳האָט אַ צאַרטקייט ווייבערשע פאַרבענקט ארויסגעשפּאַרט פון אירע הענט...
און פּלוצים האָט זי זיך דערלאַנגט אַ שטעל און צוגעזעצט זיך נענטער אויפן בעט.
ער האָט זיך צוגערוקט, בעת מעשה איר דערלאַנגט אַן אומשולדיקן גלעט,
געפּרוווט אויף אירע ברוסטן אָנשפּאַרן זיין קאָפּ. —
האָט זי אים אָפּגעשטעלט: — „מען דאַרף נישט, טייערער, לאָז אָפּ, ...
— „פאַרוואָס? — האָט ער באַליידיגט זיך און נישט געוואָלט פאַרשטיין —
— „ווייל איך וויל איצטער זיין מיט זיך אַליין״ —
— „דיך עקלט פון מיין ריר?״...
— „אָ, ניין. דו ביסט געווען צו מיר אַזוי מין גוט״...
— „איז וואָס? — דערפאַר טאַר איך דיך נישט אַ ריר טאָן מיט קיין פינגער״...
— אָ, ניין, ווייל איך האָב איצטער עפּעס נישט קיין מוט...
— און ווען דו וואָלסט געווען אַ ביסל ייִנגער
— וואָלט אפשר אַנדערש אַלץ געווען״.
— „דאָס הייסט, אַז ער, דער יונגעטשקער, ער מעג, ער טאָר אַלצדינג, ער קען״..
האָט ער זיך שוין אַ ביסל אויפרעקן גענומען.
—„ אָ, ניין, ווען וואָלסט געוועזן יונג, וואָלט איך דאָ נישט געקומען״.
— „דאָס מיינט, אַז ס׳האָט מיין עלטער דיך אַהער צו מיר געבראַכט״.
— „אָ, ניין, נאָר אויך געוויס נישט דאָס וואָס דו האָסט זיך געטראַכט״...
האָט זי זיך אויפן בעט אַ שלאַנקע אויסגעצויגן.
— „פון וואַנען ווייסטו, וואָס איך האָב געטראַכט?״
— „ווייל איך האָב אַלץ געזען אין דיינע אויגן,
דיין איינזאַמקייט האָט מיך פאַרשטיינערט און געררירט״...
— „גענוג, — האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם בעט. „דאָס איז אַ פוסטער תּלי־ח״
— „דו ביסט געקומען רייצן זיך — נישט מער״,
— „מיר איז דאָס אַלץ באַקאַנט... אַלעקסיס —
— קום אַהער!״
האָט זי אויף אים געגעבן אַ געשריי. — „דו ביסט אַזוי ווי אַלע מענער
— „און איך האָב דאָס געמיינט, אַז דו ביסט שענער: —
— „דו פילסט, דו לעבסט מיט אומעט און מיט פרייד״
— „און צייטנווייז דערהויבסטו זיך צו אמתדיקע הייכן,
— „און דאָ יאָגסטו זיך נאָך ווי אַלע נאָך אַ שטיקל קלייד
— „און ווערסט משוגע אויב דו קענסט דאָס נישט דערגרייכן״...

די ווערטער אירע האָבן אָנגעפאַנגען אים צו שטיקן —
ער האָט געוווּסט, אַז זי איז פולשטענדיק גערעכט.
נאָר וואָס? — זאָל ער אָוועקפּטרן אַלע זיינע נעכט
און קוקן אויף אַ פרוי בלויז מיט פאַרליבטע בליקן? —
ער איז שוין נישט געווען אַזוי סענטימענטאַל.
און ווער האָט איר דאָס רעכט געגעבן איצט בכלל
צו קומען מוסרן און אים צו געבן עצות?...
זי האָט דאָך אָנגעשפּאַרט איר ברוסט אויף זיינע פּלייצעס,

זי האָט זיך פון אים קיין טראָט נישט אָפּגערוקט
און חוצפּהדיק אויף אים, ווי ער אויף איר געקוקט...
טאָ וואָס איז זי געוואָרן מיטאַמאָל אַ פּרעדיקאַנט —
גענומען פריידיקן מאָראַל און גוטע אויפפירונג און שטאָט?..
ע, דאָס איז דאָך נישט מער, פאַרשטייט זיך, ווי אַ סטאַנט,
ער קען זיי, די נקבות, זיי זיינען קלוג און בלאַט,
און יעדערע ווייס אַנדערש ווי דעם מאַן צו רייצן.
זיין פּנים האָט באַדעקט זיך איצט מיט טיפע, אלטע קנייטשן,
עס האָט אַ שפּאַר געטאָן אַ בולטער פּאַרדרוס,
נאָר דאָ האָט ער דערזען איר אָפּגעדעקטע פוס —
איר קלייד האָט זיך פאַרקאַשערט עטוואָס העכער פון די קני,
און זי האָט ווידער אים דערלאַנגט צו זיך אַ צי,
אַ תאווהדיקן ברען, אַן אומדערוואַרטן ריס...
עס האָבן אים גענומען טומלען אירע אָפּגעדעקטע פיס,
דער זוים פון אונטערקלייד מיט זיינע ווייכע שפּיצן,
די האָר וואָס האָבן וואַרעם זיך צעשווומען אויפן ציך —
איז ער ארויס אַ ברוגזער אין קיך
און דאָרט אַ לאַנגע צייט אליין געבליבן זיצן...

—אַלעקסיס, — האָט זיך אָבער ווידער באַלד דערהערט איר קול.
— אַלעקסיס, קום אַהער — און אים איז מיטאַמאָל
געוואָרן ווידער גוט. ער איז געווען אין שרעק: —
וואָס טוט ער אז זי הייבט זיך אויף און גייט אַוועק? —
און דאָ האָט ער זי דאָך אוודאי נישט געוואָלט פאַרלירן,
ווי נאַריש ס'איז געווען מיט דעם צו ספּעקולירן,
ס'איז גוט, וואָס זי האָט ערשט גערופן אים צו זיך,
דאָס הייסט, אז זי האָט איינגעגעבן איר קאַפּריז,
און ווען ער איז אריין אין צימער פון דער קיך,
האָט גלאַזער גאָר דערזען, פאַרוווּנדערט, ווי זי איז
געלעגן אויסגעטאָן אין בעט אַ גרייטע ווי צו שלאָפן
מיט אזא רואיקן און איידעלן געזיכט.
האָט ער זי נישט געשטערט, האָט אָנגעגאָסן זיך אַ גלאָז מיט קאָפע
און גיך דאָס אויסגעטרונקען, פאַרלאָשן פאַרזיכטיק דאָס ליכט,
און זיך אויפן דיוואַן צורעכטגעמאַכט זיין בעט.

אויף מאָרגן זיינען ביידע אויפגעשטאַנען שפּעט.
דער רעגן האָט שוין נישט גערונען פון די שויבן,
און ס'האָט די פייכטקייט שוין די ביינער נישט גענעצט.
זי האָט די ערשטע זיך אַ פרישע אויפגעהויבן
איז צו צו זיין דיוואַן, זיך דאָרטן צוגעזעצט,
האָט אים אַ גלעט געטאָן און ט'אָנגעפאַנגען פרעגן: —
„אַלעקסיס, ביסט אין כעס? דו קענסט מיך מער נישט ליבן, ?...

„דו ווילסט איך זאָל אַוועק? פאַרשטיי, אז בלויז צוליב דעם רעגן
בין איך מיט דיר אליין אין פלעט דיינעם פאַרבליבן.
איך האָב באַמערקט אַן עלנטן דיך לעבן קינאָ,
עס איז געווען אזוי מין נאַס און קאַלט און אומעטיק אויף דרויסן.
„און כ׳האָב געזען ווי דו קענסט זיך קיין רו אין ערגעץ נישט געפינען,
„ווי דו האָסט זיך פאַרלאָרן, בין איך געווזען אויסן
„דיך אויפהייבן פון גאַס און צוטולענען וואַרעם...
— „דאָס הייסט, אז דו האָסט זיך צו מיר רחמנותדיק דערבאַרעמט —
האָט ער צעעפנט ברייטער זיינע אויגן ביי אָט דעם געדאַנק.
— דו האָסט געשאָנקען מיר רחמנות, ווי גרויסאַרטיק, אַ דאַנק!...
— אָ, ניין, פאַרשטייסט מיך נישט, איך האַלט נישט פון רחמנות,
— איך גלויב, אז יעדער איינער קען זיין וועלטל זיך באַשטיין,
נאָר צייטנווייז, ווען עמיצער געפינט זיך אין סכנות,
דאַן טאָרן אים נישט איבערלאָזן אויף דער גאַס אליין.
— און ווער האָט דיר געזאָגט, אז איך האָב זיך אין דיר געניטיקט?
— דיין הונגעריקער בליק, דיין איינזאַמקייט, דיין וויטאָק,
— דיין קלעטערן אויף גלייכע ווענט, דיין יעדער קער און ריר,
— דיין איינגעשפאַרטער ווילן מיך צו טרעפן — דערפאַר בין איך מיט דיר.
כ׳האָב אַלעמאָל געמיינט, אז וואָס איך טו איז ריכטיק.
און דאָס, וואָס דו האָסט בלויז געוואָלט פון מיר איז דאָך נישט וויכטיק,
דאָס קענסטו אויף דער גאַס צו יעדער צייט באַקומען,
דאָס איז דאָך לאַנגווייליק, און עקלדיק, און נישטיק, ——
און דאָ האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אָנטאָן זיך גענומען.

אַ ווילע שפעטער האָט זי דערלאַנגט צום טיש דעם פרישטיק.
מען האָט געגעסן אייער, סמעטענע און קאַלטן מילך מיט „פאַרעדוש".
ער איז געזעסן שטיל אָט ווי אַן עם הארץ,
וואָס סטאַרעט זיך צו רעדן און ווייס נישט וואָס צו זאָגן, —
זי איז געווען גערעכט — אַזאַ מין קלוגע צויג,
זי האָט אים דורך און דורך אַ נאַקעטן דערזען,
און ריכטיק אָפּגעשאַצט זיין יעדן קער און בויג,
און זע ווי פאַרזיכטיק זי איז מיט אים געווען:
נישט צוגעלאָזן נאָענט, ווי אויסגערעכנט קאַלט,
האָט זי זיך אויפגעפירט אזוי ווי נאָך אַ פּלאַן...
און וואָס ס׳האָט אים געקרענקט איז דאָס וואָס ער איז אַלט,
זי האָט אין אים געזען אַ יאַלד און נישט קיין מאַן,
און דאָס האָט אים נאָך מער געוויטאָקט און געקרענקט: —
ווען ער געווען וואָלט יונג — וואָלט זי דאָ נישט געקומען —
און מיטאַמאָל האָט ער זיך ווי אַ קינד פאַרבענקט
נאָך יוגנט און נאָך זון, נאָך גערטנער מיט בלומען —
מיט דעם וואָלט ער געוויס צופרידן זיך פאַרגעסן...
און אָט אזוי פאַרטראַכט ווי ער איז דאָ געזעסן,

האָט ער זי מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן פאַרלאָרן:
— דו מייינסט, אַז איך בין אַלט? — איך וואָלט דאָס וועלן וויסן —
זי האָט אַ שלונג געטאָן אויף גיך דעם לעצטן ביסן
און ס׳איז איר מיטאַמאָל פאַרשטענדלעך אַלץ געוואָרן: —
— אָ, נייַן, האָט זי דערלאַנגט אויף אים אַ שמייכל — ביסט אַ נאַר: —
— די יאָרן שפּילן דאָך אוודאי נישט קיין ראָלע,
— דער מאַן זעט דאָך געוויס אין זיי נישט קיין געפאַר,
— דאָס איז די פּרוי וואָס דאַרף זיך פאַר זיי היטן ווי מען היט זיך פאַר אַ קללה...
— און דו אין דיינע יאָרן ביסט אַ סך אינטערעסאַנטער...
דער שמועס איז געוואָרן מיטאַמאָל געשפּאַנטער,
ס׳איז גלאַזערן געפּעלן איצט איר קאָמפּלימענט,
עס האָט זיך טיף אין אים אַ פּייערל צעברענט
מיט מענערישן שטאָלץ פון חניפה אויף אַ רגע,
זיין צווייפל האָט גענומען ביסלעכוויז צערינען,
ס׳האָט אָנגעפאַנגען שרעקעוודיק ארויסקריכן זיין גלויבן,
ער האָט ווי מיטאַמאָל דערזען אַרום אַ שטיקל זינען
און ס׳האָט דערלאַנגט אַ שפּאַר די זון דורך זיינע נאַסע שויבן.

י ה ו ד י ת

.1

דער פישערמאַן טאַלאַ, — געווען איז אַ יונג אַ געזונטער, אַ הויכער,
ער האָט איבער וואַסערן טיפע זיין שיפל מיט גבורה געטריבן.
זיין פנים האָט תמיד באַגאָסן אַ ברוינער, געזאַלצענער שמייכל.
דער פישער־יונג טאַלאַ — געוויס האָט שוין איינמאָל געוווסט ווי צו ליבן...

אין האַרבסט, ביי די ברעגעס פון פראַנקרייך, ביי שפּאַניע, ביים גילדערנעם
ראַנד פון מאַדיירע —
דאָרט פלעגט ער פאַראַנקערן אָפטמאָל זיין שווערן, פאַרזונקענעם אַנקער.
זיין זיידע האָט דאָרטן געציילט שוין פאַרגאַנגענע פישערשע דורות,
און ער האָט דעם ים דאָרט געקאַנט שוין פון לאַנג ווי אַן אַלטער באַקאַנטער...

האָט טאַלאַ זיין אָפּשטאַם פאַרצווייגטן שוין איין מאָל געוווסט ווי צו שעצן.
ער האָט זיינע אָבות, די פישער, געוויס נישט געוואָלט דאָ פאַרשעמען,
און מזלדיק פלעגט ער פאַרוואַרפן אין ים זיינע ליידיקע נעצן,
ווען ס'פלעגט זיך מיט פרייד אַזש צעצינדן זיין בליק אין באַשאָטענע ברעמען...

אזוי ווי דער האַרבסט אויף די ביימער געגליט האָבן דאַן זיינע אויגן,
און פונקט ווי די כוואַליעס זיין תאווה אין אים פלעגט אַ ברויזיקע פלייצן.
מיט מוסקולן האַרטע ווי גוזן האָט ער זיינע נעצן געצויגן,
ביז וואַנענט די שטעטישע פייערן פלעגן אים אָנפאַנגען רופן און רייצן.

און פונקט ווי זיין פיש־פאַנג: פאַרביסן מיט טויזנטער האַרטע עקשנות,
אזוי פלעגט ער דאמלסט אַוועקגיין אין טשאַד פון די שטעט און באָרדעלן.
ער פלעגט דאַן צעבייטן אויף שטעטישן תענוג און ליכט די לבנות,
וואָס פלעגן מיט פליסיקן זילבער צעצינדן דעם ים מיט די כוואַליעס...

.2

היי, טאַלאַ, דו טרינקסט נישט. דו זיצסט אַ פאַרצערטער פון הינטן...
איר קערפּער איז גלימיק און איידל, נאָר דיינער אַוודאי איז פרישער:
ער שמעקט מיט דער טיפקייט פון ים און מיט הייסע, געזאַלצענע ווינטן,
און בראַוו, און געזונט ביסטו, טאַלאַ, ווי בראַוו נאָר עס קען זיין אַ פישער.

די מוידן, זיי האָבן אָפּנים, דעם פישער־יונג גוט שוין דערעסן —
געשווומען דורך שכורע נעכט ווי די כוואַליעס אויף ברייקע לייבער,
האָט ער זיינע בלוטן געצונדן, און ס'האָט אים די תאווה געפרעסן
ביז ער פלעגט זיין ווייטאַק דערטרינקען אין סודות פון נאַקעטע ווייבער...

און דאָ, מיטאַמאָל, האָבן טאַלאַס צעצונדענע, האַרבסטיקע אויגן
דערזען אין געזעמל פון מענטשן אַ פרוי אַזאַ ווייט־אומבאַוווסטע.

זי האָט אים צו זיך ווי דער פּחד פון ברויזיקע ימען געצויגן,
און באַלד האָט שוין קיין זאַך געהאָלפן: קיין ווערטער, אומזיסטע גערייזן,

זיי האָבן זיך ביידע פאַרשטאַנען, פאַרנומען די טיפע באַגערן
אַזוי ווי אַ חיה פאַרשלונגען די פינצטערע נאַכט האָט זיי ביידן,
און אויף די צעשויבערטע כוואַליעס געטריפט האָבן ציטעריק שטערן...

3.

פון וואַנענט, פון וואַנענט, איך בעט דיך, ביסטו פון דער וועלט דאָ געקומען? —
עס ברענט דאָך דיין לייב מיטן פייער פון טויזנטער גליאיקע זונען.
דו זעסט אָט די כוואַליעס? — מיין לעבן, מיין גאַנצן אויף זיי כ׳בין געשווומען
און קיינמאָל אין ערגעץ אַ וואַסער־מויד ענלעך צו דיר נישט געפונען.

יהודית, איך ווייס דאָך, איך ווייס ביסט אַ טאָכטער פון יידישן גלויבן.
מיין טאַטע און זיידעס, זיי האָבן אייך קיינמאָל אין לעבן געליטן.
מיר האָבן אין אייערע הייזער געצונדן אין פלאַמען די שויבן
און אייערע העלדזער ווי מערדער מיר האָבן געשטיקט און געשניטן...

און איצטער איך וואָלט זיך פאַרפייניקן לאָזן פון דיר אויף באַנעגלטע קרייצן.
נישט לעסטער, יהודית, נישט לאָך פון יסורים, וואָס ברענען ווי וווּנדן און בריען,
דו קענסט מיט דיין צויבער אין בלוטיקסטער חיה אפילו אַ לעמל צערייצן,
און איצט פאַר דיין גאָט וואָלט איך קענען אפילו אַזוי ווי אַ גלויביקער קניען...

4.

צווי מענטשן, צוויי פרעמדע געגלויבט האָבן נאָר וואָס פאַרשידן, —
אַזוי ווי דער לייב וואָס איז שטאַרקער און אַנדערש פון קראָליק...
יהודית — אַן איינציקע טאָכטער פון פרומע, באַליידיקטע יידן,
און טאַלאַ — אַ ברויזיקער שפּאַניער, אַן אַריער, אַ ריינער קאַטאָליק.

נאָר פּונקט ווי עס מישט זיך דאָס וואַסער אין תהומען און אָפּגרונטן טיפע
אַזוי האָבן אויסגעמישט איצטער זיך זייערע בלוטן צוזאַמען.
עס פלעגן זיי ברענגען געגרוסן פון ווייטע מרחקים די שיפן,
וואָס פלעגן דאָ אָפּטמאָל פאַרפאָרן פון שטורמישע, איינזאַמע ימען.

און שפּעטער אין יאָר, ווען נאָוועמבער געטונקט האָט זיך ווידער אין קופּער
און ס׳זיינען שוין צייטיקע פּירות אין סעדער אין ווייטע געפאַלן, —
דערפילט האָט יהודית אַ שטילע, אַז באַלד וועט זי ווערן אַ מוטער,
און ליבער האָט זי נאָך באַקומען איר ברויזיקן פישער־יונג — טאַלאַן.

נאָר ווייט איז שוין טאַלאַ געוועזן, אויף אייביק אַ פרעמדער פאַרשוווּנדן.
געגליט האָט שוין ווידער מיט תאווה זיין דורשטיקער בליק אין די אויגן.
דער האַרבסט האָט אין בלוט און אין פייער די שפּיצן פוןביימער געצונדן
און ס׳האָבן אים ווידער באַרדעלן מיט נאַקעטע זונות געצויגן...

ד י מ אַ נ ט ן

ב ר י ל י אַ נ ט ן, — דו זעסט זיי, מיין קינד אָטאָ־דאָ? —
זיי זיינען פֿאַר מיר אין אַ פֿינצטערער שעה
באַשאַפֿן געוואָרן דורך הענט אומבאַוווּסטע...
דורך ליידיקע טעג און דורך אָוונטן פּוסטע,
מיט גיריקייט שאַרף, ווי די שאַרף פֿון אַ שווערד,
מען האָט זיי געגראָבן פֿון פֿינצטערער ערד, —
פֿאַר מיר און פֿאַר דיר זיי געזוכט, ווי דו זעסט.
און איצט זייער גלאַנץ, זייער קאַלטער, ער פֿרעסט
כסדר מיט טיפֿער, פֿאַרבאָרגענער מורא,
ער פֿרעסט דיך און דריקט מיט אזא מרה־שחורה,
מיט קאַלטקייט פֿון טויטער, פֿאַרגליווערטער קעלט...
עס פֿרעסט אזוי שווער אין דער פֿרעמד פֿון דער וועלט: —
נישט וואַרעם, נישט היימלעך, מיט דורשטיקער קנאה...
דער גלאַנץ פֿון בריליאַנטן, — די פֿייערלעך גרינע,
די פֿייערלעך רויטע, די געלע, די בלויע,
וואָס צינדן זיך, דאַכט זיך, ווי ס׳צינדן זיך טויען
אויף לאָנקעס, ווען ס׳הייבן אָן סעדער צו בליען
און שוואַלבן, ווען ס׳קומען די ערשטע צו פֿליען
מיט ליכטיקע גרוסן פֿון פֿרייד און יצירה, —
דאָן זעסטו די דימאַנטן קאַלט, ווי זיי פֿרירן
אין אייגענעם פֿייער, — אין גרינעם און בלויען
וואָס ברענט, דאַכט זיך, וואַרעם אזוי ווי די טויען
אין ליכטיקן פֿרילינג אויף ליכטיקע גראָזן...
נאָר ניין, זייער פֿייער דו קענסט נישט צעבלאָזן
פֿאַר מידע נשמות, — נשמות ווי מיינע,
נשמות פֿאַרטראַכטע און יונגע ווי דיינע,
וואָס זוכן און בענקען, און פֿילן, און לעכצן —
נשמות פֿאַרפֿולטע מיט ווייטאָק און קרעכצן,
וואָס וויינען אין וועלט ווי דער עלנטער ווינט, —
נשמות פֿון מענטשן, וואָס לעבן ווי הינט...

ב ר י ל י אַ נ ט ן — פֿאַר דיר כ׳האָב, מיין קינד, זיי געזוכט,
פֿאַר דיר כ׳האָב אַ לעבן זיי זשעדנע געקליבן...
עס האָט זיך מיר ליגנעריש תמיד געדוכט,
אז דו וועסט ווי אַלע זיי ציטעריק ליבן.
דערפֿאַר האָב איך שטענדיק פֿאַר דיר זיי געהיט,
איך האָב נאָר אין דימאַנטן פֿינצטער געגלויבט,
פֿאַר זיי האָב איך שטיל ווי אַ בעטלער געקניט
און אָפּטמאָל אפֿילו דעם טייוול געלויבט...

ווייל זיי זיינען טייער און מאַכטיק, און שטאַרק,
פאַר זיי בויגט די וועלט איר פאַרמאַטערטן קאַרק,
זיי קענען באַפרייען און קענען פאַרשקלאַפן,
זיי קענען צעשטערן און קענען באַשאַפן,
זיי קענען דערהויבן און ווידער צעברעכן...
דערפאַר האָב איך כסדר געקלערט און גערעכנט,
באַרעכנט די שטיינער צום ווייפלטן מאָל,
געציילט זיי, געחשבנט פאַרשטיקט אויפן קול,
פאַרזאָרגט זיי געוואָרעמט אין בוזעם ביי מיר,
זיי זשעדנע געכאָוועט, געווישט און סאָרטירט
אין צימער ביי שווערע, פאַרשלאָסענער טיר,
מיט פינגער פאַרציטערט זיי הייליק באַרירט
און גליקלעך געוועזן פון איטלעכן ריר...
מיין לעבן פון זיי האָב איך בלויז נאָר געטראַכט,
איך האָב פון די שטיינער געחלומט ביינאַכט,
דערשראָקן געהיט זיי דורך לויטערע טעג,
דורך שעהן, ווען זון האָט מיט גאָלד מיך געבלענדט,
און תמיד געוואַקסן איז גרעסער די שרעק,
ווען דימענטן האָבן ביי מיר אין די הענט
מיט פייערלעך קאַלטע פאַרכשופט געברענט...

און ווען כ׳פלעג אַהינטער פאַררינגלטע טירן
די דימאַנטן האַרטע מיט ווייכקייט באַרירן,
און גלעטן, און ציילן זיי לאַנג אַ פאַרשפאַרטער
אין צימער צווישן די אייזערנע שראַנקען, —
פלעגט שטענדיק מיין האַרץ ווערן האַרטער און האַרטער,
און פונקט ווי אַ חלף פלעגט נעמען דאַן בלאַנקען
מיין בליק דער צעקאַכטער ביי מיר אין די אויגן.
איך האָב די בריליאַנטן געציילט און געוווינגן,
און קעלטער, און בייזער מיין האַרץ איז געוואָרן,
ביז איך האָב דערפילט דורך די צענדליגער יאָרן,
אַז איך בין געוואָרן אין גאַנצן פאַרשטיינערט, —
און עלנט אין וועלט כ׳בין פאַרבליבן אליין נאָר,
אליין אין דער וועלט אַ פאַרשטיקטער ווי שיילאָק
האָב איך מיינע אוצרות דערשראָקן געהיט,
און אַלץ וואָס ס׳איז זינדיק געוואָרן איז הייליק,
ווען ס׳האָבן די שטיינער מיין מוח געבריט...

איך האָב אַ פאַרשעמטער זיך אויפגעהערט שעמען,
געזען האָב איך זיך אומעטום נאָר אליין,
נאָר גרויליק פלעגט ווערן, ווען איך פלעג פאַרנעמען
אין אָונטן שפעטע פון ווינט דעם געוויין.
דער ווינט אויף פאַרלאָזענע, עלנטע פליינען

פאַר מיר פלעגט כסדר דאַן וויינען און וויינען.
צי ס׳איז געווען פרילינג, צי ס׳האָבן געבליט שוין
די קאַרשן אין סעדער ביי פויערשע פלויטן,
צי ס׳איז געווען זומער מיט גילדערנע היצן,
צי האַרבסט האָט די ביימער געפאַרבן אין רויטן,
צי ווינטער אפילו געיאָגט האָט מיט שנייען
און ווייס און געהייליקט פאַרהילט אַלע שליאַכן, —
דאָס האָט שוין פון לאַנג־אַן מיך אויפגעהערט פרייען,
איך האָב ווי אַ מענטש נישט געקאָנט מערער לאַכן,
איך האָב נישט געקאָנט מערער גלויבן און ליבן —
די אַלע געפילן כ׳האָב לאַנג שוין פאַרלאָרן,
די דימאַנטן האָב איך נאַר קאַלטע געקליבן
און דורך זייער פייער פאַרפראָרן געוואָרן...

דורך דורות, דורך גאַנצע יאָרהונדערטער האָבן
פאַרצווייפלטע מענטשן די שטיינער געגראָבן,
פון פינצטערע גריבער, פון ערדישע טיפן, —
זיי זויבער געוואַשן, געפוצט און געשליפן,
געמאָסטן, געוווגן, געשאַצט זייער ווערט, —
מיליאָנען צו זיך אין די הויפנס פאַרשאַרט,
ווי יענעם צו נאַרן כסדר געקלערט
און זיך און דעם צווייטן געבלאָפט און גענאַרט...
דער דימענט האָט הייס זייער תאווה געהיצט,
פאַר זיי האָט ער העל ווי אַ שטערן געבליצט,
און אַזש פון דער זון האָט ער הייסער געברענט
אין זייערע קאַרגע, פאַרפרוירענע הענט.

און ווער ס׳זאָל נישט זיין דאָס: — אַ סוחר אַ שטייפער,
אַ מעקלער, אַ „קליוּוער״, פון האָלאַנד אַ שלייפער,
אַ דימענטן־גרעבער פון אפריקע ווייטער,
אַ גנבֿ, נאָר אָקאָרשט פון תפיסה באַפרייטער,
אַ שווינדלער אַ פרעמדער מיט חוצפּישע בליקן,
וואָס האָט זיך געלאָזן נאָך פינצטערע גליקן,
אַ הור פון פּאַריז, צי פון לאָנדאָן אַ דאַמע: —
ביי אַלעמען פלעגן די אויגן צעפלאַמען
אין שיין פון די קאַלטע, בריליאַנטענע צירונג.
און ווער ס׳פלעגט נאָר קומען מיט דעם אין באַרירונג
פלעגט בלייבן פאַרשטיינערט, פאַרקלעמט און פאַרגליווערט: —
די דאַמע, דער סוחר, דער טרעמפּ און דער „קליוּוער״, —
זיי פלעגן שוין בלייבן אויף אייביק פאַרלאָרן
אין צער פון פאַרשאָלטענע ליידיקע יאָרן...

זיי האָט שוין אין לעבן קיין זאַך נישט געקימערט,
אַ חוץ דער ברילּיאַנטענער, בלווילעכער שימער,
אַ חוץ ווי אין שטיין די באַהאַלטענע פלעקן:
דער „גלעץ”, דער „פיקיי” אויפן זיבערן טאָוול, —
פאַר דעם נאָר זיי פלעגן זיך היטן און שרעקן,
אַזוי ווי עס שרעקט זיך אין שבעה דער אבל,
אַזוי ווי עס שרעקן זיך צייטיקע גראָזן
אין הארבסט פאַרן שאַרף פון די פּויערשע סערפּן.

און ווינטן זיי האָבן אין שקיעה געבלאָזן
און הענדלער פון אינדיע, פון רוים און אַנטווערפּן,
פון ווין און פּאַריז, פון ניו־יאָרק, אַרגענטינע,
פון לאָנדאָן, בראַזיל, פון עגיפּטן און כינע,
פון אַלע פיר עקן, פון אַלע פיר קאַנטן, —
געהאַנדלט, געשווינדלט, געיאָגט און געליאַרעמט,
און ס'האָט זיי דער דימענט גערייצט און געוואַרעמט,
גערייצט און געוואַרעמט, און שטאַרקער געפּראָרן
מיט פּראַסטיקן פייער די הערצער די האַרטע,
וואָס זיינען אַלץ קעלטער, פאַרגליווערט געוואָרן
דורך פייערן פאַלשע און פונקען גענאַרטע.
און ווינטן, זיי האָבן אין שקיעה געבלאָזן ,
און ס'האָבן געציטערט די צייטיקע גראָזן
אין בלאַנק פון די קאָסעס און פּויערשע סערפּן.
און לאָנדאָן, פּאַריז, און ניו־יאָרק, און אַנטווערפּן
געקויפט האָבן שטיינער, געטוישט און פאַרביטן,
געגנבעט קאַראַטן פון ערלעכע שאַלן,
און האָבן קיינמאָל נישט באַמערקט ווי געליטן
אַרום האָבן מענטשן פון הונגער געשוואָלן,
פון קראַנקייט צעגריזשעט, פון ווייטאָג צעפרעסן,
אין אייגענעם עלנט פאַרשטופּט און פאַרגעסן —
די מענטשן, זיי האָבן דורך טעג נישט דערנערטע
געזען בלויז דימאַנטן אין אויגן פאַרטרערטע,
אין טרערן, ווי טויען, וואָס ווערן פאַרלאָשן
פון שפּעטיקן ווינט אין אַ שפּעטיקן אָסיען...

און איצטער, פאַר וועמען, מיין קינד, האָט דיין טאַטע
געכאָוועט די ווייסע און בלויע קאַראַטן,
פאַר וועמען האָט ער זיי געוואַרמעט, פאַר וועמען? —
פאַר ווייבער פון טונקעלע, זאַטע האַרעמען,
פאַר זונות פון שטעטישע ליכטיקע גאַסן,
פאַר אײדעלע דאַמעס פון רייכע סאַלאָנען
אַזוי ווי די הורן אין נאַכט אויסגעלאַסן,
פאַר מיאוסע סוחרים, פאַר מלכים און טראָנען,

פאַר קעפּסוויבער יונגע און אַלטע מאַגנאַטן,
פאַר לאָרדן, באַנקירן, און גראַפן, באַראָנען,
מיט זיי האָט, מיין קינד, דאָס געהאַנדלט דיין טאַטע,
פאַר זיי האָב איך תמיד מיין קאָפּ דאָס געבויגן,
געשלעפּט זיך צו זייערע שלעסער די זאַטע,
געקוקט זיי פאַרשקלאַפט ווי אַ הונט אין די אויגן,
אין זייערע שמחות האָב איך זיך באַטייליקט,
געווען אַ פאַרמיטלער פון גנבה און מאָרדן,
און כ׳האָב זייער זינד, זייער טומאה געהייליקט
פאַר פונטן און דאָלערס פון סוחרים און לאָרדן...
און היינט, ווען פאַר דיר כ׳האָב געבראַכט מיין פאַרמעגן, —
האָסטו אים צעשמיסן אין האַרבסטיקן רעגן,
דו האָסט נישט גענומען, דו דאַרפסט אים נישט האָבן:
אומזיסט האָבן גרעבער די שטיינער געגראָבן,
פון פינצטערע גריבער, פון ערדישע טיפן,
אומזיסט האָבן שלייפערס זיי גוטע געשליפן,
אומזיסט האָב איך זיך אין גנבה באַטייליקט
און העסלעכע טומאה אין לעבן פאַרהייליקט,
אַצינד אינעם האַרבסט בין איך אומעטיק איינער
געבליבן אליין מיט די טייערע שטיינער,
איך וועל זיי נאָך היטן מיט קלעם און מיט ווייטיק,
נאָר דו האָסט אוודאי, מיין קינד, זיי נישט נייטיק,
דו דאַרפסט זיי נישט האָבן, דו ווילסט זיי נישט נעמען
דו וועסט מיט די דימענטן מיינע זיך שעמען
זיך שעמען פאַר מענטשן, וואָס ליידן און גלויבן
אין ליבע און שיינקייט. צו זיי זיך דערהויבן
האָסטו זיך געוויס — נישט אזוי ווי דיין טאַטע,
וואָס האָט נאָר געוויגן די שווערע קאַראַטן,
געציילט זיי, געחשבונט, געגלויבט אין זיי הייליק
און דורך זיי געליטן, געוויטאָקט ווי שיילאָק,
נאָר איך וועל נאָך ווייטער די דימאַנטן קלייבן, —
אזוי איז געווען און אזוי וועט שוין בלייבן,
נאָר דו האָסט דעם דימענט דעם גרעסטן באַקומען —
איך האָב דיר געגעבן, נאָר דו סט׳ניט גענומען,
איך האָב דיר געגעבן מיין גאַנצן פאַרמעגן,
האָסטו אים צעשמיסן אין האַרבסטיקן רעגן, —
ביסט רייכער, אוודאי, מיין קינד, פון דיין טאַטן,
פון יענע פאַרשאָלטענע, ריינע קאַראַטן...

געסוויסטשערט אַ שוואַלב

אויף מיין דאַך האָט אַמאָל נאָך געסוויסטשערט אַ שוואַלב,
און אין שטוב האָט געשמעקט מיט צופרידענעם ברויט,
און אין שטאַל האָט דער פרילינג געבאָרן אַ קאַלב,
און אין קלייט האָט געפוילט נאָך פאַריאָריקער קרויט...

אומעטום, יעדער טראָט, יעדער איינציקער שפּאַן
האָט געקוואָלן מיט זון און געאָטעמט מיט פרייד.
אויפן טייך איז געפאַלן פאַרנאַכט אַ טומאַן,
און מיט וואַרעמער ערד האָט פון פעלדער געווייט...

און אין סאָד האָט געבענקט דער פאַרשכורטער בעז,
און אין וואַלד איז שוין טרוקן געוואָרן דער מאָך.
אַלע טישן געגרייט מיט לאַדישעס און קעז,
און מיט וואַרעמען ברויט אויף אַ גליקלעכער וואָך...

אָט אזוי האָט אין כאַטע די שפע געקוועלט:
פולע דאָניצעס מילך, פולע סלאָעס מיט שמאַנט.
און עס טונקט זיך אין גאָלד דאָס פאַראַקערטע פעלד,
וואָס געבענטשט האָט מיט זריעה די פויערשע האַנט,

און די לאָנקעס באַשאָטן מיט טשערעדעס שאָף,
און די אויגן פון ליכט איך פאַרזשמורע אויף האַלב,
און עס כאַפּט מיך אַרום אזא גליקלעכער שלאָף, —
אויף מיין דאַך האָט אַמאָל נאָך געסוויסטשערט אַ שוואַלב...

עס איז מיר גוט, —
ווייל האָבן האָב איך נאָך דערווייל אַ שטיקל ברויט צום עסן,
און לעבן לעב איך רואיק, בלויז מיט אייגענעם געמיט...
עס פירן מיך אין ווייטער וועלט באַפרייטע מיינע טריט,
און ס'וואַקסט נאָך אַלץ מיין האָפענונג אין גלויביקע מעת־לעתן.

עס איז מיר גוט,
ווייל יעדע קלייניקייט איז גרויס ביי מיר און טייער ווי אַ חידוש.
איך שרייב מיין פּראָסטע ליד אין מיין פאַרבענקטער שפּראַך,
און זאָל איך זיין אליין אפילו אונטער פרעמדן דאַך, —
דאָך ווייס איך אז איך לעב און פּרוכפּער זיך אין יידיש...

עס איז אַ וועלט פאַר מיר, אַ וועלט פון גרויסן שאַפן
דורך ווערטער פּשוטע, וואָס רעדט ארויס מיין צונג,
פון יידיש זאַפטיקן, וואָס ריזלט פריש און יונג
אין יעדער שטאָט און לאַנד, אין יעדן וויטן האָפן...

און כ'ווייס אַצינד, אז די, וואָס האָבן מיך פאַרלאָזן, —
אַוועק זיינען פון זיך, ווי אומעטיקע קנעכט.
עס זיינען פרעמד די טעג און וויסט פאַר זיי די נעכט,
און כ'זע — זיי וועלקן שוין ווי ס'וועלקן שפּעטע גראָזן...

דעריבער בין איך וויט פון צער נאָך נישט געבויגן,
ווייל ס'איז אוודאי קליין מיין ביטערער פאַרלוסט.
אז ווי איז נאָר צו די, וואָס האָבן נישט געזויגן
דאָס טריפנדיקע מילך פון זייער מאַמעס ברוסט,

אז ווי איז נאָר צו די, וואָס קענען נישט באַנעמען
ווי מיאוס ס'איז דאָס אייגענע פּחדנות,
דאָס וועלן גאָר פון זיך אליין אַנטלויפן.
און נישטיק איז דאָך דער, וואָס הערט זיך אויף צו שעמען
און קלייבט די אָפּפאַלעכץ אין מיסטקאַסטנס פון הויפן, —
אויף זיי איז מיר נאָר בלויז אַ ביטערער רחמנות...

נאָר מיר איז אייביק גוט:
ס'איז ברייט די וועלט, ס'איז ליכטיק און ס'איז זוניק.
איך קען אויף אייגן גוטס זיין אמתער מפונק:
עס איז פאַראַנען נאָך ביי מיר פון וואָס צו קלייבן.

מיין אוצר איז פאַרפולט, און ס'איז דאָך נישט קיין חידוש: —
עס וועט נאָך פון מיין גוטס אויך פאַר אַ צווייטן בלייבן —
עס איז מיר ווויל: — איך לעב און פּרוכפּער זיך
אין יידיש.

איך בין אַ ייד — אַ ייד פון חומש און תנ"ך.
עס רינט אין מיר דאָס אַלטע בלוט פון יוספן און משהן.
עס רינט אין מיר די איידלקייט פון מיין פאַרשעמטער שפּראַך,
און נאָך אַ מלך יידישן מיין זיידע האָט געהייסן...

דורך דורות הונדערטער האָב איך מיין וועג געשפּאַנט,
געטובלט זיך אין בלוט, אין קדושה און אין טומאה.
איך האָב געוויינט פאַרצערט אויף חורבות פון מיין לאַנד
און האָב געוויטאָקט איינזאַם פאַר מיין אומה.

איך האָב געקאָנט דעם צער, וואָס גייט מיט אונדזער וועג,
וואָס איז פון תמיד אָן מיט אונדז פאַרבונדן...
און דאָך, דורך גרויע טעג, דורך וואָכעדיקע טעג, —
שבתים האָבן זיך פאַר אונדז אין ליכט געצונדן.

שבתים זויבערע מיט חסד און מיט גנאָד, —
זיי פלעגן אונדזער צער מיט הייליקייט באַחנען.
אָ, גאָט דערבאַרמיקער! דו — אדוני אחד! —
ווי גוט עס איז פאַר דיר אין אונדזער בראָך צו וויינען...

און כאָטש עס איז מיר פרעמד פון תמיד דאָס באַנעם
פון אויסדערוויילטער שטאָלץ, פון „אתה בחרתנו",
דאָך וויס איך, אז געבענטשט איז זיכער יענע ברעם,
ווו טרערן ברענען נאָך אין ציטער פון לבנה,

אין ציטער פון די נעכט, ווען אונדזער בלוט אומזיסט
באַגאָסן האָט די ערד, די שטיינער אויף די גאַסן.
מיט וואָס אָבער בין איך מער זינדיק פאַרן קריסט,
וואָס האָט מיט בלינדן גרויל נישט אויפגעהערט צו האַסן,

צו האַסן אונדזער שטאַם מיט פלאַמענדיקן בראַנד,
און שפּריצן גריינעם סם אין אייטערדיקע ווונדן.
ניין, גליקלעך בין איך, גאָט, וואָס ס'האָט מיין ריינע האַנט
נאָך קיינעם, קיינעם נישט געקוילעט און געשונדן...

ניין, גליקלעכער פאַר זיי, — כ'בין גליקלעכער אַ סך,
ווייל קיינעם האָב איך נישט געלעסטערט און געפּייניקט...
איך בין אַ ייד, — אַ ייד פון חומש און תנ"ך,
און שטאַרבן קען איך שטיל אין פרומען, זיסן תענוג...

ווען כ׳קום אַצינד צוריק נאָך יאָרן נע ונד, —
ווער ווייס צי ס׳וואָלט מיין היים מיט מיר זיך נאָר דערפרייט.
עס מוז שוין זיין מיט שטויב פאַרשאָטן יעדער סליאַד,
און ווינטן האָבן לאַנג די שפּורן שוין פאַרווייט...

עס האָבן טעג נאָך טעג געמעקט דאָ מיינע טריט,
וואָס איך האָב אויף דער ערד אַ גליקלעכער געשטעלט.
ווער ווייס צי ס׳איז מיין היים געבליבן נאָך באַהיט
פאַרטייעטע אין זיך אויף אומעטיקער וועלט? —

ווער ווייס צי פון מיין שטוב די גרויע, אַלטע ווענט
כאָטש היימיש וועלן זיין פאַר זייער מידן גאַסט,
און צי עס וועלן היינט באַקאַנטע ליבע הענט
צעבינדן מיינע פּעק און אויספּאַקן מיין לאַסט? —

איך וועל מיט זיך פון ווייט דאָך מיטברענגען געוויס
דעם גרויל פון יעדן לאַנד, דעם צער פון יעדער שטאָט.
איז ווו וועלן אַצינד מיך פירן מיינע פיס,
און ווו וועט זיכער זיין מיין וואַקלדיקער טראָט?...

אויף חורבות פון אַמאָל, אויף ערדן פון מיין לאַנד,
וואָס זיינען מיר געוועזן פון ווייטן אזוי נאָנט, —
וועט קיינער מיר געוויס נישט אויסשטרעקן קיין האַנט,
און בלייבן וועל איך דאָרט אויף אייביק נישט דערמאָנט...

איז וועל איך ווייטער גיין, — אזוי איז מיר באַשערט
צו וואָגלען אין דער וועלט פאַרשטויסן, נע ונד.
און מיט מיין מידן טראָט אויף אומעטיקער ערד
אַראָפּווישן פון זיך אליין דעם קלענסטן סליאַד...

איך בין אויף מידער ערד אַן אומעטיקער גייער,
איך בין אויף גאָרער וועלט א וואָגלענדיקער ייד.
ס׳איז אומעטום פאַר מיר פאַרריגלט טיר און טויער,
און ס׳קלינגט נישט פאַר מיין פאָלק מיין בענקענדיקע ליד.

איך גיי און שפּרייז דורך שטעט, דורך לענדער און דורך כּרכ׳ן,
און זוך מיין שטילע היים אַ פרעמדער אין דער וועלט.
איך האָב מיט שטומען צער געשטעמפּלט אַלע שליאַכן,
ווו איך האָב נאָר מיין טראָט פאַרצווייפלטן געשטעלט.

און אומעטום איך טרעף בלויז פרעמדע, קאַלטע בליקן,
און מיט אַ קאַלטן האַס דערשרעקן מיך די טעג.
עס זיינען הינטער מיר פאַרברענט שוין אַלע בריקן,
און מיט אַ שווערן רויך פאַרטונקלט איז מיין וועג.

איך בין אויף גאָרער וועלט אַן אומעטיקער גייער, —
איז אפשר אין מיין לאַנד כ׳וועל שטילן נאָך מיין וויי.
נאָר טרעפן וועל איך דאָרט נישט יידן, נאָר העברעער,
און ווידער וועל איך זיין אַ פרעמדער צווישן זיי.

און ווי אַן אַלטער גר — פאַרשטויסן און דערשלאָגן, —
שוין אין מיין אייגן לאַנד, — כ׳וועל אומבלאָנקען אליין.
און ס׳וועט מיין שטומע צונג דאָרט גאָרנישט קענען זאָגן,
און ווייטער פון דאָס ניי כ׳וועל זוכן ווו צו גיין...

די וועלט פאַר מיר איז פּוסט און פּוסט זיינען די וועגן,
וואָס ציען זיך אַוועק אויף אומעטיקער ערד.
איך וועל זיך צו מיין היים שוין קיינמאָל נישט דערפרעגן
און אייביק אין דער פרעמד איז וואָגלען מיר באַשערט.

אויף וועמענס גורל וויינט אזוי דער ווינט, אויף וועמענס?
אויף וועמענס גורל קלאָגט אזוי די טיפע נאַכט? —
איך האָב אַצינד אַ גרויסן, אויסגעשטראַלטן אמת
דערזען אַ בלינדער אין דער נאַכט...

איך האָב דערזען אַ וועלט אזא מין פרייע, —
מיט פרייען אָטעם פון אַ ברייטן סטעפּ.
איך האָב דערזען אַ שוואַרצע מענטשישע לויה, —
זי גייט, זי טרעט אויף שאַרבנס און אויף קעפּ...

איך האָב דערזען אַ זון מיט ברענענדיקע שטראַלן,
וואָס לויכט ווי ריינער גאָלד, וואָס וואַרעמט און צערינט.
איך האָב געזען הרוגים בלוטיקע געפאַלן
אויף שליאַכן איינזאַמע, ווי הינט...

איך האָב דערזען, איך האָב דערזען פאַרבענקטע פאַרבן,
וואָס גיסן זיך אַראָפּ פון יעדן קווייט.
איך האָב דערפילט דעם טעם פון וועלן שטאַרבן,
און כ׳האָב דערהערט די טריט פון נאָענטן טויט...

איך האָב אַצינד דערזען אַ גרויסן, ריינעם אמת.
איך האָב דערהערט אין נאַכט אַן עלנטן געוויין.
אויף וועמענס גגורל קלאָגט אזוי דער ווינט, אויף וועמענס, —
אויף אַלעמען צוגלייך, צי נאָר אויף מיר אליין?...

כ׳האָב פֿאַרזינדיקט מײַן היים, מײַן פֿאַרגעסענע היים,
און צעביטן איר ערד אויף פֿאַרזשאַווערטן ליים.
נישט די סופּלאָזע ווײַט, נישט דער זוניקער וועג
קענען ברענגען צוריק די פֿאַרגאַנגענע טעג...

כ׳האָב פֿאַרזינדיקט מײַן היים אַ פֿאַרצערטער אין זינד,
און איך שלעפּ זיך אַרום מיט פֿאַרטריבענע הינט: —
יעדער מענטש איז מיר פֿרעמד, יעדער טראָט איז מיר שווער,
אומעטום, ווו איך קום, — בלײַב איך אייביק אַ גר.

אומעטום, ווו איך גיי, טרעף איך ליידיקן אָרט,
און איך בענק ווי אַ קינד נאָך אַ וואַרעמען וואָרט.
כ׳האָב פֿאַרגעסן מײַן שטאַם און פֿאַרגעסן מײַן שפּראַך,
און עס איז פֿאַר מיר פֿרעמד יעדער היימישער דאַך.

ווי אַ הונט אין דער נאַכט, ווי אַ היימלאָזער הונט
שלעפּ איך אום זיך אַליין און פֿאַרשילט מײַן געזונט,
און פֿאַרשילט יעדע שעה, וואָס דערווײַטערט מײַן טויט, —
ווי אַ היימלאָזער הונט ערגעץ הינטער אַ פּלויט...

איבער גאַסן און שטעט, צווישן מענטשן און רייד
זוך איך שטענדיק אומזיסט מײַן פֿאַרלאָרענע פֿרייד: —
ווײַל איך ווייס און איך זע, אַז אַ וועלט בין איך פֿרעמד,
ווי ס׳איז פֿרעמד אויף מײַן לײַב הײַנט מײַן אייגענע העמד...

אומעטום, אומעטום איז נאָר ליידיק און וויסט,
און איך גיי און איך שפּרייז איבער קופּעס מיט מיסט,
איבער שטיינער און זאַמד מײַנע טריט זײַנען שווער,
אומעטום, ווו איך קום — בלײַב איך אייביק אַ גר...

א בריוו פון לייוויקן, פון לייוויקן מיין רבין
האָט עמיצער פאַר מיר אַהער געבראַכט.
ער האָט דער ערשטער זיינע פערזן מיר געגעבן
און פייערן געצונדן אין דער נאַכט...

עס האָבן זיינע ווערטער הייליקע, ווי ווייסע טויבן
זיך איבער אַלע ימים ווייט געשפּרייט.
ער האָט אין מיר געוועקט אַ טיפן גלויבן
און תמיד מיך באַשאָנקען מיט זיין פרייד...

איך האָב פאַר זיך געזען אַ גרויסן נביא,
און ס'האָט מיין עלנט זיך געצויגן צו זיין טיר.
ער האָט געגעבן מיר אַ טייערע נדבה:
מיין בעטלער־גייסט — די „לידער פון סיביר".

ער האָט פאַר אַלעמען אַ בלוטיקער געליטן
און הויך אַרויסגעשריען יעדערנס געשריי.
ער האָט זיין שטילע רו אויף ווייטאָקן צעביטן, —
אַ ווייס־געלייטערטער, ווי פלאַנדיקער שניי.

און איך אליין מיט אַלע מיינע גלידער
געטרונקען האָב דעם האָניק פון זיין ליד.
עס האָבן זיינע שטראַלנדיקע לידער
מיך עלנטן באַשירעמט און באַהיט...

און גלייביק ווי אין זוניקע פאַרטאָגן
דערקאָנט האָב איך זיין סודותפולן רייץ,
און גרינגער איז געוואָרן מיר צו טראָגן
אויף ברוסט מיינער דעם אויסגעברענטן קרייץ...

אַ בריוו פון לייוויקן, פון לייוויקן, מיין רבין
האָט עמיצער פאַר מיר אַהער געבראַכט,
און פריילעכער געוואָרן איז מיין לעבן,
און ליכטיק איז געוואָרן מיר אין נאַכט...

אויסגעלאָשן אַלע מנורות,
אָנגעצונדן שוואַרצע ליכט.
מען פאַרשרייט זיך מיט הפקרות
און דער חושך בליט געדיכט.

כ׳האָב שוין מער נישט קיין אמונות, —
אַלע געטער כ׳האָב פאַרברענט,
און איצט טראָגן שוואַרצע טרונעס
מיינע בלייכע, ווייסע הענט.

ווו און וואָס איך וויל נישט וויסן,
ס׳איז קיין חילוק ווער און ווו: —
צי מען טראָגט דאָס דיין געוויסן
צו זיין אייביק־לעצטער רו,

צי מען וועט דאָ באַלד באַגראָבן
אַ פאַרבלוטיקט־רויטע האַרץ,
צי מען דאַרף שוין מער נישט האָבן
אַלץ וואָס ווייס איז און נישט שוואַרץ,

צי עס זיינען שוין פאַרשוויגן
לעצטע אמתדיקע רייד,
צי מען גייט עס נאָכן ליגן
אים געפינען שטילערהייט...

ס׳איז קיין חילוק דאָס צו וויסן,
ועמען אַרט עס וואָס און ווו? —
אז מען טראָגט שוין דעם געוויסן
סיי־ווי צו זיין לעצטער רו,

און פאַרלאָשן זיינען מנורות,
און עס צאַנקען שוואַרצע ליכט.
און מען פרייט זיך מיט הפקרות,
און דער חושך ברענט געדיכט.

כל זמן עס רייסט זיך דורך נאָך ווו אַ שטיקל הימל,
און ס׳פאַלט נאָך אויפן גראָז אַ שמעקעדיקער טוי,
און ערגעץ־ווו פאַרשעמט עס אָטעמט נאָך אַ בלימל,
און ס׳צאַפּלט נאָך אַ האַרץ פון בענקען נאָך אַ פרוי, —

כל זמן די רויע ערד געבענטשט איז נאָך מיט רעגן
און ס׳ריזלט נאָך פון איר אַ שוואַרצער, פעטער ווייַן,
און ערגעץ אין דער וועלט עס ציען זיך נאָך וועגן,
וואָס לאָקן דיך נאָך אָן מיט פרייד און שווערן פּיין...

כל זמן עס קריכט נאָך אום אַ וואָרעם אויף אַ בלעטל,
ווען פרילינג גייט אים נאָך מיט זיין פאַרליבטן טראָט,
און ס׳ליגט נאָך ווו פאַרצערט אַ בענקענדיקע שטעטל,
און ס׳ברויזט נאָך ערגעץ־ווו אַ שרייענדיקע שטאָט,

כל זמן אין טיפע נעכט צעשיטן זיך נאָך שטערן,
און וואָרעם שמעקט דאָס פעלד מיט קימל און מיט ברויט,
און ס׳קען זיך אין אַ דאָרף נאָך ווען נישט איז דערהערן
פון עמיצן אַ ליד ביים שוויַגענדיקן פּלויט: —

וועל איך אוודאי שטיל נאָך שרייבן מיינע לידער,
און זינגען פון אַ בלום, און זינגען פון אַ קוואַל...
און גאָר אַ נאָנטע פרייד כ׳וועל איבערזינגען ווידער, —
און זאָל עס הייסן אַלט, און זאָל עס זיין באַנאַל...

פאַר זיך וועל איך אליין די שורות מיינע שרייבן,
באַווירצן יעדן פערז מיט פרילינגדיקן צוויט,
ווייל כל זמן ס׳וועט אין וועלט אַ שיינקייט נאָך פאַרבלייבן, —
פאַרבלייבן וועט מיט מיר, צוזאַמען, אויך מיין ליד.

א קאַפּער האָט אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט זיין שווערן וואָגן
און ווי אַ הונט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן דריטן שוועל.
ער האָט אַ מידער נישט געהאָט פּאַר קיינעם וואָס צו זאָגן, —
בלויז בעטן פלעגט ער יעדערן: — „באָס, ענעטהינג טו סעל“...

אזוי האָט ער ארומגעשלעפּט זיך איבער אַלע הויפן
און נאָכאַנאַנד זיך נאָכגעפרעגט: — „באָס, ענעטהינג טו סעל“.
אַ פלאָש, אַ בלעך פון מיסטקאַסטן מען פלעגט אים ווו פאַרקויפן,
נאָר אָפטער פלעגט ער צונעמען דעם ענטפער: — „גאָ טו העל“...

דער בעקער האָט געבראַכט דאָס ברויט אַ ביסל שפּעט
און איז געבליבן שטיין פאַרצווייפלט ביי דער טיר.
די מיסיס האָט זיך נאָך גערוט צעצויגן אין איר בעט
און זיך אזוי געשמאַק געפוילט צו טאָן אַ ריר.

איז ער געבליבן וואַרטן ביי דער טיר מיט זיין פאַרשטיקטער נויט,
ביז וואַנענט ס'וועט די מיסיס, אפשר, אויפשטיין פון איר בעט.
נאָר זי האָט באַלד געשיקט אים זאָגן, אז זי דאַרף נישט היינט קיין ברויט,
ווייל ער האָט זיך דערלויבט צו קומען אזוי שפּעט...

פון יעדער דריטער שטוב עס שרייט ארויס „דעפרעשן“,
און מענער וואַרטן לאַנג ביים אַלטן מאַגיסטראַט,
און קינדערלעך פאַרצערט ביי מאַמעס בעטן עסן,
און מאַמעס האָבן נישט אפילו ברויט צו זאַט.

און יעדערער ביי זיך געפאַלן און אָן גלויבן
שטייט הונגעריק אין ריי כאָטש נאָך אַ טעלער זופּ.
און ווער עס קוקט פאַרשמאַכט אויף אויסגעפוצטע שויבן,
און ווער עס זוכט אַרום אין מאַרק אַ הויכן סלופּ...

און ווער עס איז פון לאַנג מקנא שוין אַ טויטן
און בענטשט זיך מיטן גליק צו פוילן אין דער ערד.
און ווער עס שרייט אַרויס דעם גרויל פון טויזנט נויטן,
און ווער עס ווערט פאַרשטיקט אינגאַנצן נישט דערהערט.

און דאָ צעווישן דעם אויף טומלדיקע גאַסן,
פון יעדן שטיקל הויף, כמעט ביי יעדן ראָג, —
עס לערנט זיך אַ וועלט אכזריותדיק צו האַסן
און שילטן דעם געבורט פון יעדן פרישן טאָג.

און דאָ צעווישן הענט און אויסגעדאַרטע שאַרבנס,
צעווישן שטומען גרויל און אויסגעשעפּטע רייד, —
ווער הונגעריקערהייט עס ווינטשט זיך בעסער שטאַרבן,
און ווער מיט פולע הענט שעפּט צאַפּלדיקע פרייד.

אָט אין אזא געמיש פון זון און שוואַרצע שאָטנס,
פון נישט־דערלעבטע טעג דורך שרייענדיקער נויט, —
ווערט עמיצער צעפלאַצט פון וויין און פון געבראָטנס,
און עמיצער גייט אויס פאַרחלשטער נאָך ברויט...

און ווער מיט שטומען גרויל ס׳פאַרנעמט דאָס וואָרט „דעפרעשן“.
און ווער עס וואַרט אין ריי כאָטש נאָך אַ ביסל זופּ.
און ווער עס איז שוין מיד פון ווילטאָג און פון פרעסן,
און ווער עס הענגט זיך אויף ביינאַכט ווו אויף אַ סלופּ...

די וועלט האָט מיך ארויסגעלאָזט אַ גליקלעכן אויף ערבות.
די וועלט האָט מיך באַגנעדיקט היינט מיין לעכערלעכן שטראָף.
און איצט קען איך ארומלויפן האַלב־הונגעריק און באָרוועס,
און כ׳קען מיין ווי ארויסשרייען אין ווייטקייט פון „אין סוף״...

איך האָב זיך פשוט אויסגעטאָן פון אַלע מיינע דאגות,
און פרייד, און צער, און וויטאָקן: — זיי זיינען מיר אַגאַל.
איך קען זיך איצט אַוועקטראָגן אזש ביז סיבירער טייגעס
און ווידער פריי זיך אומקערן צום זוניקן טראַנסוואַל.

איך קען זיך היינט אַראָפּלאָזן צו אַלע שווערע נויטן
און באַלד זיך ווידער אויפהייבן ביז שווינדלדיקער הויך,
און פרישטאָקן און נעכטיקן איך קען היינט הינטער פלויטן
און אַלע, אַלע רייכקייטן — אַוועקלאָזן מיט רויך...

איך קען זיך קושן ברידערלעך מיט אַלע מיינע שונאים,
און נאָך געפינען הייליקייט אין הונגעריקער זנות.
עס איז מיין טאָג אַ גליקלעכער שוין פשוט, ווייל איך קאָן אים
אדורכשפּרייזן אַ זאָרגלאָזער — זיין גאַנצע לענג צופוס...

און געטער כ׳קען פאַרשיידענע היינט דינען און באַדינען:
דעם אויסוואורף און דעם גלויביקן, דעם רב און קאָמיסאַר.
און כ׳קען צווישן אַלעמען אַ שיינקייט נאָך געפינען,
און כ׳קען צווישן אַלעמען געפינען פרייד און צער...

און ווייל עס קען מיר יעדערער פון זיך עפּעס וואָס געבן,
און ווייל איך קען פאַר אַלעמען נאָך אויסשטרעקן מיין האַנט, —
האָט מיך די וועלט אריינגעזעצט אין תפיסה פון מיין לעבן, —
אַ גלויביקן און זינדיקן, — אַ גרויסן אַרעסטאַנט...

אַלץ ווי געווען

אַלץ, ווי אַמאָל, אַלץ — ווי געווען:
די ערד, די זון אין פולן ברען,
דאָס גראָז, פּונקט ווי אַ גרינע טוך,
פון רויזן שיכורט דער גערוך,
פון מיסט ציט וואַרעמער געשטאַנק.
די פרוי איז אַלץ נאָך שיין און שלאַנק,
זי כשופט אַלץ נאָך מיט איר רייץ.
עס שטייט נאָך אויפן וועג דער קרייץ,
דער אַלטער קרייץ באַדעקט מיט מאָך
געבויגן ווי פון שווערן יאָך...
מען גלויבט נאָך אַלץ אין אַלטן גאָט,
און פול מיט זינד איז יעדער טראָט,
און אומעטום סכנה רוט
און ס'וואַרט דער מענטש אויף רויב און בלוט...

אַלץ, ווי אַמאָל — דער באַרג, דער טייך
ווער ס'איז אָרעם און ווער ס'איז רייך,
און מענטשן פּלאַצן נאָך פון פעטס...
און מענטשן קרענקען נאָך פון קרעץ,
וואָס הונגער זייט אויף זייער גוף,
און וועלט פאַרמאָגט דאָך מכל־טוב.

אַלץ ווי געווען, און אַלץ איז גוט:
די קרעץ, די גזילה און דאָס בלוט,
דער הונגער, און ביים גביר — דאָס שמאַלץ.
עך, אַלץ איז גוט בפירוש — אַלץ! —
מען שרייט, מען לויפט אין איין געלאַף.
דער האַר כסדר יאָגט דעם שקלאַף,
דער פירער פירט די וועלט פאַר זיך.
דער שקלאַף? — ער גייט נאָך אַלץ אָן שיך.
דער פירער, ווער ער זאָל ניט זיין,
איז ניט פאַרטאָן מיט יענעמס פּיין,
צי איז ער ווייס, צי שוואַרץ, צי רויט —
ס'איז ניט קיין אונטערשייד זיין הויט. —
ער חנפהט אונטער און זאָגט צו
כסדר פרייהייט, ברויט און רו,
און אין זיין זאַטל זיצט ער פעסט,
און לעבט אין ווילטאָג, זויפט און פרעסט
און שרייט, און גזלט און באַפעלט
אין אָט דער גלאָריע פון דער וועלט.

צוויי מענטשן

צוויי מענטשן זע איך ביי איין פּלויט,
זיי זיצן אין אַן ענגען קרייז,
איינער האָט אַ שוואַרצע הויט,
דעם צווייטנס הויט איז — בלייך און ווייס.

זיי לעבן אָבער ביי איין טיר,
ווי שכנים צוויי צוזאַמען היינט.
„ס׳וועט קלעקן ברויט פאַר מיר און דיר״ —
זאָגט דער שוואַרצער צו זיין פריינד.

„ס׳וועט קלעקן ברויט, און מילך, און פלייש
פאַרביידן דאָ אויף אונדזער לאַנד״.
ביידע שמעקן זיי אין שווייס,
ביידע בויען זאַלבענאַנד...

ס׳איז די רוי־ערד ווייט און גרויס,
שפּע שפּאַרט פון יעדן טראָט.
דאָ ביים פּלויט אויף יעדנס הויז
קוקט אַראָפּ אַ גרינער גאָט.

ס׳איז דער גאָט פוןביידנס טרוים: —
גייַסט פון שלום און פון מי.
בליט פאַר זיי איצט פעלד און בוים
מיט דער פּרוכט פון „ויהי״.

„ויהי״ — און ס׳איז געשען:
ס׳קוועלט אַ פרייד אין יעדנס האַרץ.
ניט קיין נס איז דאָס געווען —
מוט און אַרבעט, ווייס און שוואַרץ.

אַן אָדלער אין שטורעם

מאַטומבאַ

מאַטומבאַ איז געקומען פון ווייטן קראַל,
ער איז געקומען דינען זיינע ווייסע באַלעבאַטים.
ערגעץ־ווו אין אַ ווינקל פון טראַנסוואַל
איז געבליבן זיין רויטע, ליימענע כאַטע.

מאַטומבאַ האָט געלאָזן דריי ווייבער
צו פאַשען אין „קראַל" זיינע קי,
זיי האָבן אַלע דריי געהאַט שוואַרצע לייבער
און גרויסע ברוסטן — אַזש באַלד ביז די קני...

און די רוקנס ביי זיי פלעגן גלאַנצן
ווי די הינטנס ביי טייערע פערד,
ווען מאַטומבאַס ווייבער פלעגן זיך אויסקלאָזן טאַנצן
פלעגט ממש ציטערן אונטער זייערע פיאַטעס די ערד.

די בראַסלעטן, די פיס־בענד, די דראָט
פאַרוויקלטע הייך ביז די קנעכלעך,
פלעגן אויסקטראַגן איטלעכן טראָט
מיט געקלאַנג פון די שערבלעך און בלעכלעך...

און געלעכטער צעמישט מיט געוויין,
אויסטאַנצן פלעגן פאַרשיכורט די ווייבער,
אין, פלעגן דאַמלסט בלאַנקען זייערע ווייסע ציין,
און געבריט האָבן הייס זייערע נאַקעטע לייבער.

האָט טאַקע מאַטומבאַ מערער קיין זאַך ניט געדאַרפט,
ער איז געוועזן צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט שוין געהאַט,
ער האָט געוווסט, אַז ער האָט זיינע ווייבער שטאַרק האַלט
און שלאָפן האָט ער געקאָנט מיט זיי צו זאָט.

גאָר דאָך האָט מאַטומבאַ אויך גוט געוווסט,
אַז זיין ליבסטע ווייב איז ביי אים סעסולאַ,
עך, פלעגט אים רייצן איר נאַקעטע, שוואַרצע ברוסט, —
און איר בויך אַזוי רונד, אַזוי שטייף נאָך גאָר ווי אַ בתולה...

פאַר איר האָט ער גאַנצע צוועלף אָקסן
געגעבן איר טאַטען „לאַבאָלאַ“,
און איצט איז ביי אים זי געוואַקסן
ווי אַ זעלטענער פערד אין סטאַדאָלע...

וואָלט דאָך אַלצדינג געווען אזוי ווויל,
ווען נישט די מנהגים פון ווייסן, —
האָט דאָ אָבער פונקט ווי אַ קויל
געדאַרפט אים אַן אומגליק צערייסן...

מאַטומבאַ האָט נישט געוווסט דעם ווערט פון גאָלד,
גאָלד איז ביי אים געווען פונקט ווי „מילי־פאַפּ“ טייער,
האָט ער שוין אָבער דריי יאָר נישט געצאָלט
דעם ווייסן באָס זיין פאַרשאָלטענעם שטייער.

איז פאַר מאַטומבאַן געבליבן נאָר איין זאַך,
איין עצה האָט ער בלויז געקאָנט געפינען:
פאַרלאָזן זיין אַלטן היימישן דאַך
און אוועקגיין אין שטאָט ערגעץ־ווו דינען.

אַלע דריי ווייבער האָט מאַטומבאַ געלאָזן ביי זיך אהיים,
אוי, האָט ער זיך ביטער מיט זיי דאַן געזעגנט,
עס האָט אים אויסגעקוקט שווער און פאַריתומט דער ליים
אויף די טרוקענע, ווייטע, פאַרזשאַווערטע וועגן.

און אַט זיינען שוין באַלד דריי יאָר אַוועק
ווי ער האָט געדינט אין שטאָט זיינע ווייסע באַלעבאַטים,
לאַנגווייליק האָט ער דאָרטן געציילט זיינע טעג
און אַן אויפהער געבענקט נאָך זיין כאַטע.

אין שטאָט האָט ער פאַר זיך קיין זאַך נישט געדאַרפט, —
בלויז אָפּצאָלן וואָס גיכער דעם שטייער,
זיין „אַסעגיי“ האָט ער שוין לאַנג נישט געשאַרפט,
און אין האַרצן געברענט האָט אַ פייער...

דאָרט ווייט, אַהינטער דעם לײדיקן בוש,
דאָרט ליגט ווו זיין כאַטע פאַרלאָזן,
ער וואָלט זיך אַצינדער אַהינצו צופוס
מיט די ליידיקע וועגן געלאָזן.

זיינע הייסע דריי ווייבער אַוודאי, ווער ווייס,
וואָס עס טוט דאָרטן איצטער סעסולאַ,
איר זאָל נאָר נישט טרעפן, חלילה, קיין בייז: —
ער׳ט בעטן דעם רופא אַ סגולה...

און אַמאָל איז געווען ער בראַוו און געזונט —
אַ לייב האָט ער דאַן אזש געקאָנט דאַך צערייסן,
איצט ליגט ער אזוי ווי אַ קרעציקער הונט
און קלייבט ברעקלעך פון טיש ביי דעם ווייסן...

עך, מאַטומבאַ, מאַטומבאַ, — ס׳איז אוודאי נישט גוט,
דיין הארץ איז געוואָרן קליין און פאַרצויגן,
און ס׳האָט אין די אָדערן זיינע געזאָטן זיין בלוט —
און מיט טרערן געברענט זיינע אויגן...

טאָ זאָל ער כאָטש פלאַצן פון שווערן געוויין, —
ער וואָלט זיך אליין איצט דערקוילעט.
נאָר ניין, ער וועט לויפן, — אַנטלויפן אַהיים
ווי נאָר עס וועט אויפגיין דער מולד...

דערווייל מוז ער שטילן זיין ביטערן גאַל —
ער׳ט בעטן ביים רופא אַ סגולה.
ווער ווייס וויפיל מייל ס׳איז דער וועג צו זיין קראַל, —
אוי, סעסולאַ, סעסולאַ...

איז מאַטומבאַ געוואָרן פאַרשרומפּן פון צער,
ער האָט זיך איינגאַנצן געביטן,
געדינט האָט ער ערלעך זיין ווייסן האַר,
געדינט אים געטריי און פאַרליטן.

נאָר פשוט ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין,
פאַרוואָס זיין „מיסיס" האָט אים געקימערט כסדר,
אָפטמאָל ער האָט זי ביים שפיגל אליין
געזען אין איר צימער אָן קליידער.

דאַן פלעגט ער אין פאַדערהויז ווישן דעם שטויב,
און זי — אירע האָר פלעגט זי קעמען,
האַלב־נאַקעט און רייצנד אזוי ווי אַ לייב, —
זי פלעגט זיך פאַר אים גאָרנישט שעמען...

און צייטנווייז פלעגט זי אין שטייפן קאָרסעט
פאַרשנורעוועז האַרט אירע ברוסטן,
דאַן פלעגט ער אריינגיין פאַרבעטן דאָס בעט
נאָך וואַרעם פון תאווה און גלוסטן...

האָט דאַן שוין מאַטומבאַ פון גאָרנישט געוווּסט, —
געשטאַנען פאַר אים איז סעסולאַ,
עס איז מערנישט ווייסער געווען איר ברוסט, —
אַ ברוסט אזא שטייפע און פולע...

און איינמאָל אין פרילינג האָט ער ביי איר טיר
געוואַרט ווי אַ חיה פאַרבאָרגן,
ער האָט זיך משוגע געוואָרפן אויף איר
און האָט זי שיר־שיר נישט דערוואָרגן...

אזוי, אז עס איז שוין געוואָרן צו שפּעט
צו בעטן, צו שרייען, צו רופן,
עס האָבן געצאַפּלט זיך דאָמאָלסט אין בעט
פאַרחלשט צווי נאַקעטע גופים.

צווי קערפּערס צעמישט האָבן ווייס זיך, און שוואַרץ —
פאַרגעסן האָט ער פון זיין „מיסיס“,
און ס'האָט נאָך אַ צייט זיין פאַרבלוטיקטע האַרץ
געשפּרונגען, געצוקט ווי אין גסיסות...

נישט לאַנג האָט מאַטומבאַ איצט וואַרטן געדאַרפט
אין פרילינג, וואָס האַלט נאָך אין בליען,
ער האָט זיינע שפּיזן שוין מער נישט געשאַרפט, —
אַוועק איז ער שטיל צו דער תליה.

און קיינער האָט אים צו זיין מיתה באַגלייט,
צום ווינט נאָר ער האָט זיך געטולעט,
פאַרציטערט, געפאַלן, מאַטומבאַ איז טויט,
— עה... עה... סעסולאַ, סעסולאַ!..

מאַטאַטולו

אַ מענטש האָט זיך געטוליעט ווי אַ חיה צו דער ערד.
ער איז געלעגן אויסגעצויגן אינעם הייסן בוש,
ער האָט די גלידער זיינע אַלע נייגעריק באַקלערט: —
עה... עה... אַ רונדע קני, אַ פלינקע, שפּירעווידיקע פוס,
אַ האַנט אַ קרעפטיקע — געזונט און שטאַרק...
פון הינטן טאַפּט ער אָן זיין פעסטן קאַרק,
געגאָסן פון איין שטיק, אזוי ווי פון טשוגון,
און ס׳טרינקט זיך אזש אין פרייד זיין צאַפּלדיקע האַרץ: —
עה... עה... ווי גוט, ווי וואַרעם ס׳איז די גרויסע זון.
זיין קערפּער נאַקעטער איז גלאַנציק, פעט און שוואַרץ, —
באַשמירט מיט ריינעם אויל פון שמעקעדיקע פלאַנצן...
אַ מענטש. אָט ווי אַ חיה פריי ער קען זיך איצט צעטאַנצן,
ער קען צעשפּרינגען זיך מיט הפקרדיקן שפּרונג,
ער קען זיך מיטן שטרויס פאַרמעסטן אין געלאַף.
ער פילט זיך גרויס. ער פילט זיך קינדעריש און יונג.
ער האָט דעם כוח פונעם אָקס, די פלינקייט פון זשיראַף,
און פון דער מאַלפּע האָט ער איר נאַאיוון שכל.
דערפאַר פאַרמאָגט ער דאָ ארום די גאַנצע וועלט.
ער ליגט. זיין פּנים איז באַגאָסן מיט אַ ברייטן שמייכל,
זיין ברוסט, — זי וואַקסט, זי אָטעמט און זי קוועלט,
זי גיסט זיך אָן מיט הייסער, צאַפּלדיקער פרייד.
ער דאַרף דאָ גאָרנישט אינעם בוש: — קיין שוד, קיין קלייד,
זיין לבוש איז די פעל פון אַ שאַקאַל.
זיין הויז, — אָט דאָרט דער ערדישער ראַנדאַוול.
דאָרט ליגט זיין היימישער, זיין בענקענדיקער קראַל,
דאָרט וויקלט אויס די זון אַ קנויל מיט זילבערדיקן באַוול,
דאָרט ברענט דער זאַמד די גראָבע, טאַנצענדיקע פיאַטעס,
דאָרט שטינקט אין מיסט, אין רויך, אין שאַרפן שוויס,
וואָס שפּאַרט ארויס פון יענע נידעריקע כאַטעס.
דער גרויסער טאָג איז פויל און אומדערטרעגלעך הייס,
אזוי מין הייס, אז סמאַליעט פשוט אָפּ די שוואַרצע הויט,
עס ברענט די טריקעניש ביז קילן אויפדערנאַכט,
און ער? — ער ליגט אין בוש אליין און טראַכט.
ער טראַכט אַצינד פון זיין פאַרליבטער מויד,
פון אירע תאוותדיקע, גרויסע ציצן,
וואָס הענגען שווער אַראָפּ, ווי ביי אַ קו דער אייטער...
עה... עה... ער קלערט אַ סך אין יענע פוילע היצן,
ער קלערט און דרעמלט איין און חלומט אזוי ווייטער...

זיין מאַרך איז נאָך נישט שאַרף און רירעוודיק געגוג,
עס קומט אים אָן נאָך שווער דאָס שכדליקע קלערן.
און דאָך איז ער פאַר זיך המצאהדיק און קלוג,
ער קאָרטשעט נאָכאַנאַנד זיין נידעריקן שטערן,
נאָר מער פאַרלאָזט ער זיך אויף זיין פאַרשפיצטן חוש, —
פונקט ווי עס טוט דער לייב, דער אָדלער, די פאַנטערע.
עה... עה.. דער אַפריקאַנער ווילדער, שוויגענדיקער בוש! —
ביינאַכט געפינט ער דאָ זיין וועג נאָך די צעבליטע שטערן,
בייטאָג דערשמעקט ער זיינע טריט אויף ווייטע אויסגעלייגטע וועגן
זיין קראַל דערקענט ער תמיד נאָך דעם הייסן שטויב...
און ווי געשיקט עס פליען זיינע בלאַנקע פיילן,
ווען ער לאָזט זיך אַוועק דאָ נאָכשפּירן זיין רויב,
און יאָגט צעהיצט מיט „אַסעגיי" און בלאַנקען שפּיז
אַ ציטערדיקן הירש, וואָס פאַלט פאַרבלוטיקט אין די דערנער...
עה... עה.. ס'איז גרויס זיין פרייד — אַ שפּרונג, אַ צי, אַ ריס,
ער הייבט די חיה אויף באַגייסטערט פאַר די הערנער
און שלעפּט זיך אינעם קראַל אריין דאָ ווי אַ גבר.
עה... עה... ער קען זיך גוט, דער שטאַרקער מאַטאַטולאַ.
ער ווייס זיך ווי אַזוי צו היטן פון געפאַר,
און שטאָלץ איז ער ביי זיך, ווי שטאָלץ עס איז אַ „זולו",
ווי שטאָלץ עס איז דער לייב — זיין אַפריקאַנער שכן,
וואָס ליגט אין הויכן גראָז און לויערט נאָך אַ באָק...
— עס שרייט פון אים ארויס זיין ברויזיקער נצחון —
עה... עה.. דער גרויסער, ליכטיקער, דער אַפריקאַנער טאָג!..

נישט ווייט פון אָט דעם פלאָץ געפינט זיך זיין ראַנדאַוול.
די זון, זי וויקלט אַלץ נאָך קנוילן זילבערדיקן באַוול,
זי וויקלט נאָכאַנאַנד, כסדר, אָן אַ סוף.
מאַטאַטולו כאַפּט זיך איצטער אויף צופרידן פון זיין שלאָף,
ווי ס'כאַפּט זיך אויף די קליינע מאַלפּע אין די צווייגן,
און לויפט אויף גיך פאַרשפּעטיקטער אַהיים.
ער איז איצט אָנגעלאָדן מיט אַ שווערן שווייגן,
ער האָט זיך אויסגערוט אין „בוש־פעלד" ווי דער ביים,
נאָר עפּעס פילט ער ווי עס קיצלט אים אין מאָגן: —
דער הונגער האָט אין אים צערייצט זיך ווי אַ בייזער הונט..
און ער ווערט עפּעס מיטאַמאָל אַזוי מין אומרואיק, צעטראָגן,
הגם אין אַלגעמיין, ער פילט זיך גוט, צופרידן און געזונט, —
דער זעלביקער, דער גרויסער מאַטאַטולו, —
דאָך שפּירט ער איצטער ווי עס קומט דאָ עפּעס מיט אים פאָר:
ער בענקט געפערלעך נאָך זיין נאַקעטער, צערייצטער בתולה:
אַ ליאַדע חיהלע אין „בוש־פעלד", ווייס ער, האָט זיין פאָר,

עס האָט דער שלאַנג אפילו זיך געפונען דאָ פּאַר זיך אַ ווייב,
נאָר ער? — עס לויערט איבער אים פון לאַנג שוין אַזאַ שווערע קללה,
עס קוועלט אַ גלוסטעניש אַ הייסע אין זיין לייב,
און ס׳מאַטערט אים כסדר דער געדאַנק: — „לאַבאָלא״,
איר טאַטע פאָדערט דאָך פאַר איר פון חתן גאַנצע זעכצן אָקסן —
פון וואַנענט זאָל ער נעמען אַזאַ רכוש?
און מיטאַמאָל עס ווערט אים עפּעס מאָדנע אומעטיק אין בוש,
אזוי מין אומעטיק, אז ס׳נעמט אים פשוט שטיקן אינעם קעל —
נאָך אַלעמען איז ער דאָך דאָ פּונקט ווי דער לייב געוואָקסן, —
באַלעקט ער זיינע גראָבע ליפּן מיט זיין פעטער צונג,
פאַרגאַרטלט זיינע ברייטע היפטן מיט אַ דינער פעל
און אַנגעשפּיצט און פלינק, ער טוט אַ ווייכן שפּרונג
און טראָגט זיך ווי דער הירש, העט ווייט, אין ווילדערניש אַוועק.
דערווייַלע גייען אויף אין בוש די נעכט מיט נייע טעג,
און ווידער קומען נעכט מיט קילע, דורשטיקע לבנות...
געלעגן אומעטיק, געלעגן זייער לאַנג
און ווידער טיף אין זיך פאַרטייעטער געטראַכט.
דערווייל האָט שוין די זון זיך איינגעטונקט אין בלוט —
דער ערשטער סימן פון אַ הייסן אויפדערנאַכט,
און סהאָט׳ אויף מיילן וויט די טריקעניש גערוט...

דאַן ווערט ער פלוצים אומרואיק און איילט זיך שוין אַהיים,
ער האָט אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אַ שטויביקן אַ הייסן...
עס ברענט ממש דער וועג פון רויטן, זשאַווערדיקן ליים, —
נאָר מאַטאַטולו שטעלט זיך אָפּ נאָך אויף אַ ווילע אין „לאָקיישן״.
דאָרט האָט ער פריינד. עס ווילט זיך אים אַצינד אַ ביסל ריידן —
מיט אייגענע איז דאָך גאָר אַן אַנדער זאַך...
און ווידער קען ער זיך מיט זיי אַ לאַנגע צייט נישט שיידן: —
אין שטאָט ביי זיינע ווייסע באַלעבאַטים? — עה, ער ליידט אַ סך,
ער ציט די טעג זיינע פאַרהאָרעוועט ווי פון געדיכטער סמאָלע,
ער שייערט טעפּ, ער קאָכט, ער וואַשט. עה... עה... אַ משוגעת...
און פאַר זיין מויד — ער האָט נאָך אַלייץ נישט קיין „לאַבאָלא״...
נאָר דאָ דערמאָנט זיך פלוצים מאַטאַטולו אָן זיין פּאַס.
עס איז שוין שפּעט. דער חושך ווערט געדיכט.
ער זעט אין פינצטערניש פאַר זיך אַ שווערן צייכן...
ער פליט אויף גיך. עס רינט דער הייסער שוויס פון זיין געזיכט,
ער וויל וואָס גיכער איצט זיין נאַכטלעגער דערגרייכן, —
פון וויטן זעט ער שוין די ליכט פון שטאָט צעשפּרייטע ווי אַ נעץ...
און אָט, — ער איז שוין נאָנט. סך הכל נאָך איין געסל...
און פלוצים אַ באַפעל אין נאָמען פון געזעץ:
„וווּ פּליסטו, טייוול איינער?... שטיי, דיין ׳ספּעשל׳״...
און מאַטאַטולו פאַלט צעטומלטער פון „בייסיקל״ אויף דר׳ערד אַראָפּ,

ער פּילט אויף זיך אַ דריקנדיקע, שטאַרקע האַנט.
דאָס הייסע בלוט דערלאַנגט אַ שפּאַר צו אים אין קאָפּ:
ער, געפאַנגענער ווי אַ טכויר אָט דאָ אויף אייגן לאַנד? —
אָ, ניין. ער וועט די בושה נישט פאַרטראָגן...
און ווי אַ לייב צערייצטער גיט ער זיך אַ ריס.
מען נעמט אים ווי אַ ווילדע חיה איבער אַלע גאַסן יאָגן...
אומזיסט — עס זיינען פלינק נאָך זיינע שטאַרקע פיס...
נאָר מיטאַמאָל — אַ קנאַל. אין פינצטערניש אַ פייערדיקער שאָס...
ס'איז מאַטאַטולו אויף דער ערד גלייך ווי אַ לייב געפאַלן
און ביסלעכווייז עס גיסט זיך אויס פון אים זיין בלוטיקער פאַרדראָס...

אזוי פלעגט ער אַמאָל זיך יאָגן נאָך שאַקאַלן
אַרום זיין שטילן קראַל אין שווייגנדיקן בוש.
און ברענגען זיי צוטראָגן פאַר זיין בתולה.
דער לעצטער צאַפּל מיט זיין טויטער פוס.
עה, געזונטער, שטאָלצער, יונגער מאַטאַטולו.

ק ר י ג

.1

דער ערשטער קרבן פון דעם לעצטן קריג —
אַ יונגער ענגלענדער, אַ לייטענאַנט.
עס בליצן זיינע שטערנדלעך נאָך אויף זיין עפּאָלעט.
זיין ברוסט איז אויסגעפּוצט מיט קרייצן פאַר זיין גרויסן זיג...
נאָר אָפּגעשניטן איז זיין רעכטע האַנט.
ער כאַפּט זיך איצטער אויף פון שלאָף אליין אין בעט.
ס'איז פרימאָגן און עס שיינט די זון,
אַ גרויסער, גליקלעכער באַגינען.
עס גיסט זיך ליכט פון אומעטום ווי פון אַ לעכערדיקער טון.
דער לייטענאַנט פאַרוואונדערט וויל אָבער זיין האַנט געפינען...
נישטאָ. אומזיסט האָט ער זי לעבן זיך צעטומלטער געזוכט.
ער האָט זי דאָך פאַרלאָרן דאָרט אין אַפריקע, „אָפּ נאָרטה"...
משוגענער... ווי נאַריש אים האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט,
אז אָט, ער האָט זי נאָך, די האַנט, זי איז נאָך אויף אַן אָרט.
ער קען דאָך נאָך מיט איר, ווי שטענדיק, שרייבן, עסן.
ער קען נאָך מיט זיין האַנט, ווי שטענדיק, שרייבן, עסן,
אזוי ווי ער וואָלט זיך פון אַלצדינג שוין געהאַט פאַרגעסן,
ווי ער וואָלט גאָר פון זיין גאַנצן אומגליק קיינזאַך נישט געוווסט...
ער האָט דאָך דאָ נישט לאַנג זיין האַנט פאַרלאָרן אינעם קריג, —
און מיטאַמאָל פאַרוואָלט זיך אים דעם קישן טאָן, ווי שטענדיק, כאַטש אַ גלעט,
נאָר ניין, ער קען אפילו נישט אַראָפּטרייבן מיט איר קיין פליג,
דערפאַר איז אָבער אויסגעפּוצט זיין שטאָלצער עפּאָלעט —
עס ווייט אַפילו ליידיק זיך אַרום דער אַרבל פון זיין טוניק,
עס וועט שוין יענע האַנט קיין פרויען־ברוסט, אוודאי, מער ניט גלעטן,
נאָר וואָס ? — אַ קלייניקייט... דער טאָג איז ווי געווען : — סאיז הייס און זוניק,
און ס'בלאַנקען העל די שטערנדלעך אויף זיינע עפּאָלעטן.

ער גייט אין גאַס. דאָ זעט ער ווי עס האָבן אַלע מענטשן הענט.
ער וויס אַז ער האָט אויך אַמאָל פאַרמאָגט זיין האַנט,
נאָר איצט וואָלט אים זיין מאַמע אייגענע אוודאי נישט דערקענט, —
דעם שטאָלצן ענגלענדער, דעם לייטענאַנט.
און אָט פון דעם כאַפּט אים אַרום אַ ביטערע פאַרדרוס,
נאָר ניין, ס'איז בעסער ווי ער וואָלט געווען, למשל, טויב,
צי בלינד, — ארומגעהונקען עלנט אויף איין פוס...
זיין האַנט, זי פוילט מסתמא שוין אַוו ניט איז אין בוש,
צי אפשר גריזשעט זי אַציגד געשמאַק ארום דער לייב,
נאָר ניין, קיין לייבן פרעסן נישט קיין שטינקענדיקע פליש,

קיין גלידער מענטשישע צעלעכערטע פון קוילן...
און ס'שלאָגט פון לייטענאַנט ארויס אַ קאַלטער שוויס: —
זיין האַנט מוז איצטער ערגעץ־ווו שוין ענדיקן פאַרפוילן,
און אינסטינקטיוו דערלאַנגט ער מיט זיין אָרבל לײדיקן אַ דריי,
און אָט די לײדיקייט פאַרדריסט, דאָס טוט אים שרעקלעך וויי,
אזוי ווי ער וואָלט ווידער אָנגעוואָרן אַ סך בלוט,
נאָר באַלד פאַרכאַפּט ער זיך, באמת איז גאָר גוט: —
פאַרלאָרן האָט ער מערנישט ווי זיין האַנט, —
דער יונגער ענגלענדער, דער לייטענאַנט.

2.

אין גאַס, ער פילט זיך שטאָלץ, דער יונגער לייטענאַנט.
אים קוקן מענטשן נאָך מיט קרענקלעכן באַדויער,
זיי ווייסן, אז ער האָט געקעמפט פאַר זייער לאַנד,
זיי זעען אויך אין זיינע אויגן אַ פאַרשטעלטן טרויער,
זיי זיינען אָבער אַלע שטאַרק געטרייסט
וואָס ס'האָט דאָס אומגליק אים געטראָפן און נישט זיי.
אוודאי, אינערלעך, זיי ווייסן וואָס עס הייסט
אַראָפּשיסן אַ האַנט, — עס טוט דאָך דאָס מסתמא שרעקלעך וויי...
נאָר ער, ער איז דאָך איצט ביי אַלעמען אַ גרויסער העלד,
זיי האָבן אים אליין פאַר זייר העלד געמאַכט...
ער האָט געקעמפט פאַרביסן פאַר אַ נייער וועלט,
ער איז אַ מוטיקער פאַר זיי געגאַנגען אומקומען אין שלאַכט,
דערפאַר זיי גיבן איצטער אַלע אים אזוי פיל כבוד אָפּ:
פאַר זיין צעפוילטער האַנט, פאַר זיין פאַרגאָסן בלוט.
אַ פּראָסטער, איינפאַכער סאָלדאַט פאַררייסט זיין קאָפּ,
זיין רעכטע, לעבעדיקע האַנט גיט אים נאָך אָפּ סאַלוט,
אַ יונגע פרוי, זי קוקט אויף אים מיט וויבערשן באַדויער,
אַ קאַליקע דערלאַנגט אַ טראַכט: — אַהאַ, אָט נאָך אַ קאַליקע אַזאַ ווי איך.
און אין דעם בליק פון לייטענאַנט עס נעסטלט זיך אַ טרויער,
ער טראָגט אים איצטער שטענדיק אום מיט זיך...
נאָר אויף דער גאַס איז הימלעך, לעבעדיק. געוויס,
מען גלויבט עס וועט דער קריג זיך ענדיקן צום גוטן...
מען שנאָרעט אויף די ראָגן פאַר אַראָפּגעהאַקטע פיס,
און הויך־געשעצטע פריילנס ריידן אין רעקרוטן: —
„גייט אין דער אַרמיי, מען נויטיקט זיך אין אייך,
קעמפט פאַר אייער מוטער־לאַנד ווי טרייע זין.
היינט זיינען אַלע גלייך: —
סיי אָרעם און סיי רייך" —
און אין הימל וועבט די זון איר שפינוועב ווי אַ גרויסע שפּין,
און פריילן סטאַפאָרד־בלעק, די טאָכטער פון אַ גאָלד־מאַגנאַט,

פאַרשרייבט אין „זעלבסטמאָרד־באַטאַליאָן‟ אַ גלויביקן סאָלדאַט,
און דזשעק און טאָם, זיי חלשן וואָס גיכער זיך אריינכאַפּן אין באַר,
זיי וועלן שוין פאַרטרינקען דאָרטן זייער הייסן צער: —
„היי, וויטער‟, לעבעדיק... וואָס שטינקסטו דאָרטן, וואָס? —
„נישט זשאַלעווע, דו הונט איינער, גיס אָן אַ פולע גלאָז,
„מיר וועלן שוין באַצאָלן אייך פאַר דעם מיט אונדזער בלוט...
„גוד לאַק, קאָלעגע... הע, סע ברענט... אַיאָ, ס׳איז אמת גוט‟...
זיי קענען איצטער טרינקען ביזן טויט... הע, הע, אַ גליק...
און אויף דער גאַס, אין אַלע קאָפּע־הייזער, רעסטאָראַנען שפּילט מוזיק,
און ווילטעטיקע, אַלטע פריילנס קלייבן פאַרן קריג:
אויף אַלע ראָגן שנאָרעט מען פאַר אָפּגעהאַקטע הענט און פיס,
און ס׳טשעפּעט זיך אַ שיכורער סאָלדאַט: — „היי, מיס,
קום, איך וויל איצטער מיט דיר גיין שלאָפן...
דו ווילסט דאָך דאָס אוודאי אויך ווי איך... געוויס...
כאַ־כאַ, נו זאָג אליין, — געטראָפן? —
היי, מיססס...‟

3.

דער זעלבער טאָג.
דער לייטענאַנט, ער איז שוין פון ארומגיין מיד.
מען קלייבט נדבות פאַרן קריג אויף יעדן ראָג
די מענטשן פילן מיט.
דער עולם גיט
פאַר רויטן קרייץ, פאַר „ראַף‟ און פאַר „נאַרווידזשן פליט‟,
פאַר קינדערלעך פון ענגלאַנד, דענעמאַרק און האָלאַנד,
פאַר זעלנערשע קאַזאַרמעס און פאַר פּולעמיאָטן,
פאַר די לעגיאָנען „אָוו ברייוו מען אָוו פּאָלאַנד‟,
פאַר אויסגעשאָכטענע מאַרטירער, פּאַטריאָטן,
פאַר בראַווע און פאַרהייליקטע פּילאָטן,
פאַר „ספּיטפייערס‟ און „האַריקאַנס‟, און באָמבעס,
פאַר אַלע אויסגעהרגעטע אין לאָנדאָן, —
צו בויען שוץ־טראַנשייען, „שעלטערס‟, קאַטאַקאָמבעס...
און פאָנדן,
אינסטיטוציעס,
מוסדות,
קאָמיטעטן,
פאָנדן!...
דער עולם גיט.
די מענטשן מיט רחמנות פילן מיט: —
„אָט נאַט אייך פּאַטריאָטישקייט און מיטלייד פאַר אַ שילינג,
„אונדזער האַרציקע סימפּאַטיע איז מיט אייך...

„היינט זיינען אַלע גלייך: —
„סיי אָרעם און סיי רייך...‟
און איבער אַלעם דעם שמייכלט אומשולדיק דער פרילינג,
ער שמייכלט זיך אַראָפּ פּאַוואָלינקע אויף „מאַרקעט סטריט‟,
באַלויכט די פּליכעס פון די פעטע ספּעקולאַנטן.
זיי מעסטן זייער גאַס מיט דריבנע טריט
פּונקט ווי זיי וואָלטן געהיט
דאָ אוצרות גאַנצע מיט בריליאַנטן...
— האָ, האָ, ס'אי גוט. די סחורות האַלטן אין איין שטייגן,
עס ברעכן לאַגערן מיט אָנגעפּאַקטער גוטס.
עס שרייט די גאַנצע וועלט, נאָר זיי? — זיי האַלטן ביטרעטשקע פון שוייגן:
— נישקשה, ענגלאַנד וועט אונדז געבן שוין איר שוץ,
— ענגלאַנד ווייס אוודאי וואָס זי טוט,
— מיר האָבן זיך אין דעם נישט וואָס צו שטעקן...
— האָ, האָ, ס'אי גוט...
און ס'פליען אין די בענק די שווערע טשעקן: —
אַקציעס, אַסיגנאַציעס גאַנצע פּעק, מיליאָנען...
ס'וואַקסן דיווידענדן און פּראָפיטן,
מען ליפערט מענטשן־פליישׁ כסדר פאַר קאַנאָנען,
מען ליפערט מענטשן־פליישׁ געפּאַקטע עשאַלאָנען, —
נישקשה, ענגלאַנד וועט אונדז שוין פון שונא אונדזערן פּאַרהיטן,
טשערטשיל ווייס אוודאי וואָס ער טוט...
האָ, האָ — ווי גוט!...

4.

דערווײלע כוואַליעט זיך נאָך אַלץ אַ ים מיט ליכט.
דער פרילינג שמעקט און בליט.
עס שטייען אָפן די טירן פון געריכט,
מען האָט אָקאָרשט אַהין געבראַכט אַ שרעקלעכן באַנדיט, —
אַ מענטשן, וואָס דאָס לעבן האָט געשטרויכלט און פאַרפירט.
עס קוקט דער אַרעסטאַנט צעטומלט און נערוועז.
וואָס איז זיין גרויסער חטא? — ער'ט מיאוס פּראָפיטירט,
דער „קולי‟ האָט פאַרקויפט אַ שטיקל קעז
און האָט אָן דעם פאַרדינט אַ גאַנצע פּעני מער.
די שטראָף געפאַלט דעם הינדו מאָדנע שווער: —
גאַנצע פינף און צוואַנציק פונט! —
ער בעט זיך רחמים, ער פאַלט אויף זיינע קני, ער וויינט:
— ער האָט קיין בייז מיט דעם אוודאי נישט געמיינט, —
— „יור וואָרשיפּ‟, ער איז נישט געזונט,
— ער לייד אַ לעבן־לאַנג פון זיינע קראַנקע נירן,
— ער האָט אַ ווייב מיט קינדערלעך, וואָס בעטן ברויט...
נאָר שטרענג איז דאָס געזעץ — מען טאָר נישט פּראָפיטירן,

ס׳איז קריג, עס גיסט זיך בלוט און דאָ — ער שינדט די הויט,
אַ גאַנצע פּעני איבעריק באַריסן...
דער ריכטער בלייבט צופרידן מיט די שטראָפן,
עס קרענקט ביי אים נישט זיין געוויסן,
ביינאַכט וועט ער אוודאי רואיק שלאָפן, —
און אין דער זעלבער צייט — דער פרילינג שמעקט און בליט,
אַיעדער בוים באַשאָטן איז מיט ווייכן צוויט,
און פון פראַפיטן ווערט געשוואָלן „מאַרקעט־סטריט״...
די ספּעקולאַנטן ציילן זשעדנע זייערע מיליאָנען,
מען ליפערט „האָלסייל״־ מענטשן־פליש פאַר די קאַנאָנען,
לאַנגע, אָנגעפּראָפּטע צוגן, עשאַלאָנען,
מען ציילט רווחים, דיווידענדן נאָכאַנאַנד, כסדר,
און דזשעק און טאָם, זיי קעמפן פאַר די באַלעבאַטים אויפן פראָנט.
פאַר זייער וויב און קינד קלייבן הויכגעשעצטע פריילנס אַלטע קליידער:
„שטיצט און העלפט מיט פולער האַנט דעם ׳מייערס פאָנד׳״,
„אַ לאָדע שמאַטע אייערע קומט איצטער גוט צונוץ״...
און אנדערשוווּ ע סברעכן לאַגערן געפּאַקט מיט האָב און גוטס,
און דזשעק און טאָם? —
זיי חלשן שוין ווידער זיך אריינצוכאַפּן ערגעץ אין אַ באַר, —
פאַרטרינקען דאָרטן זייער הייסן צער,
ווער וויס, וואָס זיי דערוואַרט נאָך פאַר אַ פּסק...
— היי, ברודער, טרינק... נישט זשאַלעווע.. גוט לאַק...
דער הינדו האָט דערווייל שוין צוגעמאַכט זיין קראָם,
יאָ, פאַר גאַנצע פינף און צוואַנציק פונט
און דזשעק און טאָם? —
אין באַר עס ווערט זיי עפּעס אַזוי גוט און גרינג: —
„טרינק, גוטער ברודער, צו געזונט ...
„היי, דזשענטלמען, דהע קינג״...

5.

דער לייטענאַנט, ער גייט נאָך אַלץ אַרום אין גאַס.
עס ברויזט עפּעס אַצינד אין אים אַן אויפגערעגטער כעס,
עס ווערט אים מיטאַמאָל צו וויסן שטאַרק אינטערעסאַנט
צי ס׳וועלן אַלע צוזאָגער איצט האַלטן וואָרט.
פאַר וועמען, אייגנטלעך, האָט ער געדאַרפט אַוועקגעבן זיין האַנט,
פאַר וואָס האָט ער געקעמפט אין אפריקע, „אָפּ נאָרטה״,
און צוליב וואָס האָט ער געטונקט אין בלוט זיין באַיאָנעט?...
דער אָוונט רוקט זיך צו און מיטאַמאָל ווערט שפּעט —
מען כאַפּט שוין אויף די גאַסן נייגעריק דעם אָוונטיקן „סטאַר״, —
סה׳אָט רוזוועלט אין ניו־יאָרק באַגייסטערטער גערעדט,

מיט גרויסע נייעס איז איצט ווידער פול דער באַר: —
שוין, מען איז שוין פאַרטיק מיטן „בליץ״ —
אַ גרויסע ווייבערשע היסטעריקע...
„יעס מיסטער רוזוועלט ספּאָוק...
אָ, ווהאָט איי ספּיטש...
אַמעריקע ..
דהע גרייטעסט פּרעזידענט אָף יו.עס.איי...
הוריי!..
זי גיט אונדז באַלד אָוועק איר גאַנצע „ניוווי״...
נאָנסענס,
י טוט אונדז דאָך מיט דעם אוודאי נישט קיין טובה,
פאַר אַלצדינג צאָלן מיר גענוג...
קאָרעקט,
זי ציטערט פאַר איר אייגענע פאַרקויפטע פעל...
גערעכט, גערעכט...
זי איז פאַר אונדז צו קלוג...
עך, לעט הער גאָו טו העל..
דעמאָקראַסי... אַ נייע וועלט — פאַר וועמען? —
מען קאָרמעט אונדז מיט צוזאָגן און „ספּיטשעס״,
און פון אונדז דערוויילע האַלט מען אין איין נעמען —
בליאַדי ביטשעס...
אָט טרינקען מיר זיך יאָרן שוין אין אונדזער בלוט...
מען קען זיי שוין, די הינט, אַ ביסעלע צו גוט...
אַ ווילדע, ווייבערשע היסטעריקע...
אַמעריקע...

דער לייטענאַנט איז מיד, ער וויל שוין גיין אַהיים.
ער שלעפּט פאַרמאַטערט זיינע פיס ווי פון געדיכטן ליים.
דערוויילע גייט פאַרביי אַ ווייבערשער פּאַראַד,
עס איז אַיעדע הור געוואָרן אַ סאָלדאַט, —
מען גייט אין טראָט מיט אויסגעשטעלטע גרויסע ברוסטן,
זיי שטאַרצן בולט אויס פון אונטער ענגע בלוזעס,
די מענער קוקן נאָך נאָך זיי מיט תאוההדיקע גלוסטן: —
אָט פריער האָט מען זיי געקושט ווי הייליקע מזוזות
און איצט, זיי שפּאַרן גאַר פון אונטער זעלנערשן געוואַנט.
דעם לייטענאַנט
כאַפּט אויך אַרום אַ מאָדנע פיבערדיקע לוסט —
ער וואָלט אַצינד געגלעט אַ צאַרטע, אַפּגעדעקטע ברוסט,
ער וואָלט זי הייס געקושט, —
נאָר וואָס? — זיין האַנט, —
און ס׳ווערט אים מאָדנע אומעטיק, דעם לייטענאַנט.

.6

אין שטוב האָט זיך דער לייטענאַנט דערמאָנט
אז ער האָט דאָ אַמאָל אַ יונגע פרוי געקאָנט,
דאָס איז געווען מיט אַ צייט צוריק,
נאָך פאַרן קריג,
נאָך איידער ער איז אַפּגעפאָרן אויפן פראָנט.
ער פלעגט מיט איר אַמאָל פאַרברענגען גאַנצע אָוונטן אליין,
זי איז פאַרבליבן דאָ נישט וויט... ער וועט אַהינצו טאַקע גיין, —
אַמאָל וועט ער זי נאָך געפינען.
נאָר ניין,
דאָס האָט שוין, דאַכט זיך, נישט קיין זינען:
וואָס קען דאָרטן טאָן ביי איר אַ קאַליקע ווי ער? —
עס איז דאָך פון זיין האַנט אַ שטיקל קאָרטשע מערנישט ווי פאַרבליבן,
ער איז טאַקע געווען אַמאָל אַ בראַוועד אָפיצער,
נאָר ווער וואָלט זיך אַצינד אין אים געקאָנט פאַרליבן? —
ער קען דאָך איצט אליין נישט אָנקוקן זיין האַנט: —
אַ שטיק אראָגעשאָסן, פאַרמלאָזע פלייש...
און ווידער פילט דער לייטענאַנט
ווי אים באַגיסט אַ קאַלטער שווייס,
ווי ער האָט אין זיין לעבן אַלצדינג שוין פאַרלאָרן,
די וועלט קוקט אויסעט קראַנק, און וואָכעדיק, און גרוי...
אַ וויסטע קאַליקע איז ער אַצינד אויף אייביק דאָך געוואָרן,
ס׳קען זיין, אז ס׳וועט נאָך אפשר ווען ניט איז אַ פרוי

אָט פאַרן גלאַנץ פון זיינע שטערנדלעך אויף זיי,
נאָר ס׳וועט זיין רעכטע האַנט קיין אָפּגעדעקטע ברוסט שוין מער נישט גלעטן,
און אינסטינקטיוו דערלאַנגט ער פאַרזיכטיק די קאָרטשע אָפּגעשניטענע א דריי, —
עס הענגט אָן אַרבל ליידיקער פאַרקלעמט און פוסט...
ערשט דאָ געוואָרן איז אים קלאָר, ווי גרויס ס׳איז זיין פאַרלוסט,
און ס׳ווערט אים מאָדנע אומטיק אליין אין שטוב,
ער וויל פאַרטרינקען וווּ ניט איז זיין הייסן צער,
ער טוט זיך אָן און גייט אַוועק אין קלוב.
ס׳איז ליכטיק און עס טומלט זיך אין באַר.
דאָרט זיינען קאַליקעס ווי ער אַ סך פאַראַן.
ער טרינקט צוזאַמען מיט אַן אַלטן קאַפּיטאַן,
זיין לינקער פוס
מוז איצטער ווו ניט איז אין זעלבן בוש
שוין ענדיקן פאַרפוילן.
נאָר גאָרנישט, ער איז לעבעדיק און דרייסט,
ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשראָקן פאַר קיין קוילן,
און איצטער האָט ער אויך פאַר זיך אַ שטיקל טרייסט: —
נישקשה, ס׳האָט געקאָנט אוודאי ערגער זיין —

וואָס טוט ער ווען ער ווערט, למשל, בלינד צי טויב, —
ער וואָלט דאָך נישט געקאָנט אפילו אָנקוקן די העלע שיין, —
איצט זאָל זיין פוס דאָרט גריזשענען דער לייב,
אַ קנאַפּע נפקא־מינה איז אים דאָס: —
וועט ער נישט קענען קלעטערן אויף גלאַטע ווענט...
גיס אָן, קאָלעגע, פון דאָס ניי דיין גלאָז...
מען טרינקט אין באַר פאַר אָפּגעהאַקטע פיס און הענט,
פאַר גופים דורכגעלעכערטע פון הייסן שרויט,
פאַר גלידער מענטשישע צעפיצלטע אויף שטיקלעך,
מען טרינקט העראָאיש פאַרן טויט,
פאַר פרישן קלעפּעדיקן בלוט,
אין טיפער שיכרות פילן זיי זיך אַלע גליקלעך.
— היי, ס׳איז גוט...
אָן עסק, ווען מען קימערט דאָס אַ האַנט...
— גוד לאַק, קאָלעגע לייטענאַנט,
גוד לאַק, קאָלעגע קאַפּיטאַן —
עס ווערט זיי אַלעמען אזוי מין מאָדנע גרינג...
פאַרגעס זיך, ברודער, אָט אזוי דו ביסט אַ מאַן...
— היי, דושענטלמען, גוד לאַק —
— דהע קינג...

אַ דערציילונג

מיין חבר איקס, אַ יונגער ענגלישער פּאָעט,
אַ מענטש פאַרלאָרענער, וואָס זוכט נאָך אַלץ ארום דעם אמת,
האָט מיר געבראַכט צוטראָגן זיינס אַ נייעם בוך פּאָעמעס
אונז איז אין יענער נאַכט פאַרזעסן זיך ביי מיר ביז שפּעט.
מיר האָבן אָפּנהאַרציק ביידע זיך צערעדט,
און ביידע זיינען מיר געוועזן אויפגעלייגט ביז גאָר.

„יו־סי״, האָט ער צו מיר געזאָגט, — „דהע וואָר״,
„דער קריג האָט מיך דערשלאָגן ווי אַ הונט.
„נישטאָ שוין מער קיין שיינקייט אויף דער וועלט.
„אַמאָל האָט נאָך געטליעט ווו ניט איז אַ וווּנד,
ס'האָט ווי געטאָן, ווען עמיצער האָט זיך אַנטקעגן דיר געשטעלט
מיט האַרטן פויסט, צי מיט ווולגאַרן אויסגעלאַכטן שפּאָט...
נאָר היינט? — פאַרגליווערט ביסטו היינט געבליבן,
און ווען דו וואָלסט אפילו נאָך געהאַט אַ שטיקל גאָט, —
וואָלסטו אים אויך סיי־ווי נישט געקאָנט מער ליבן.
די ליבע איז אַצינד פאַרקערפּערט אינעם ביקס,
אין מערדערישן גרויל פון ווילדע חיות...

„נאָר דאָס״ — האָט וויטער פאַרגעזעצט פּאַמעלעך מיסטער איקס,
„איז דאָך פאַר קיינעם איצט, אוודאי, נישט קיין נייעס,
איך מיין דאָ זיכער ניט צו זיין אָריגינעל,
צו בליצן מיט מיין וואָרט, ווי ס'בליצט דער אַקראָבאַט
און קנייטשט אַ קאָמישער זיין הונגעריקע פעל, —
דאָס האָבן מיר דאָך שוין געזען, געהאַט צו זאַט...
נאָר טאַקע, אָט דער פוסטער אָנשטעל פון משיחים און פון פירער,
די מיאוסקייט פון קראַנקע פּאַטריאָטן,
און אויך די נישטיקייט אפילו פון מאַרטירער,
וואָס ווערן אונטער שטיוול זעלנערשע צעטראָטן
ווי קליינע ווערעמלעך, ווי זשוקעס אויפן מיסט, —
אַזוי מין בלאָס און נאַריש, אָן קאָליר און פאַרבן,
אפילו אָן אַ גרויסן ציל, — אָט גלאַט אַזוי — אומזיסט,
פאַר פּראָסטע שטיקלעך בליי, פאַר אויסגעטראַכטע קרייצן...
אָט די באַגייסטערטע פון איינגערעדטן ליגן, —
די גאַנצע וועלט מיט בלוט זיי ווילן דאָך פאַרפלייצן, —
טאָ ווו איז שוין די הערלעכקייט פון יענע פאַלשע זיגן? —
אז אויף דער גאָרער וועלט זיי שפּרייטן מערנישט טויט,
און מענטשן וואַלגערן זיך בלוטיקע אויף גאַסן,
און ס'שרייט פון אומעטום אַרויס דער צער פון הונגעריקער נויט...
יאָ, יאָ, — עס האָט אַ וועלט זיך אויסגעלערנט האַסן,
און מענטשן האָבן, אומגליקלעך, פאַרגעסן ווי צו ליבן...

ביי אַט די רייד איז מיסטער איקס אַ רגע שטיל געבליבן,
ער האָט אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט און אָנגעגאָסן פון דאָס ניי זיין גלאָז.
מען האָט געזען ווי ס'האָט אין אים געשטיקט זיך אַ פאַרדראָס,
אַן אינערלעכער, אויפגערעגטער צאָרן.
נאָר באַלד איז מיסטער איקס אַ ביסל רואיקער געוואָרן,
אַ זופּ געטאָן זיין „וויסקי" און צערעדט זיך ווידער.

„איך האָב געזאָגט, אַז ס'ווערן שיינקייטן פאַרלאָרן: —
אָט ווער, למשל, דאַרף דאָס איצטער האָבן לידער,
פּאָעמעס, בילדער, קונסט, צי בענקשאַפט נאָך אַ פרוי? —
מען ווערט דאָך מיינען — אַז ביסט אַראָפּ פון זינען
ווען דו וואָלסט זיך אַצינד באַגייסטערן מיט טראָפּנס טוי,
מיט פרילינגדיקע לאָנקעס, וואָס הייבן אָן צו גרינען,
צי מיט אַפילו אויסגעשפּרייטע, הפקרדיקע וועגן,
וואָס פירן דיך באַגאָסענע מיט שמעקעדיקן רעגן
צו טיפער שווייגעניש פון גאָלדערנער נאַטור.
דאָס אַלץ וועט שוין נישט אָנלאָקן דעם מענטשן מער.
דו בענקסט ראָמאַנטיש נאָך אַ פרוי — הייב אויף אין גאַס אַ פּראָסטע הור,
זי וועט געוויס באַפרידיקן דיין חיהשן באַגער,
קיין ליבע וויל דאָך סיי־ווי איצט שוין קיינער זיך נישט טיילן...
נאָר ניין, אזוי צו לעבן וואָלט געווען דאָך זייער שווער...
און דאָ האָט ערשט מיין פריינט גענומען מיר דערציילן.

„דאָס איז געווען... דאָס איז געוועזן גאָרנישט לאַנג צוריק.
(אָט פּונקט ווי היינט וואָלט דאָס מיט מיר געשען) —
אין זעלבן טאָג, ווען ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען דאָ דער לעצטער קריג,
בין איך אין דערבן דאַמלסט צופעליק געווען,
און ווען עס האָט די ערשטע קויל אויף ס'ביי דער וועלט געטראָפן,
האָב איך דערפילט זיך תיכף אויסגעשעפּט און מאַט.
עס האָט זיך דאמלסט מיר געוואָלט נאָר איין זאַך — שלאָפן,
אַנידערפאַלן ווו ניט איז, זיך אויסשלאָפן צו זאַט,
ווי ס'וואָלט דאָס גאַנצע לעבן דאַן מיך גאָרנישט ניט געאַרט.
דער אינהאַלט פון מיין „איך" געוועזן איז פּאַסיוו.
און דאָ האָט גראָד אויף מיר גאָר עמיצער געוואַרט:
מען האָט אין יענעם טאָג געבראַכט צו מיר אַ בריוו
פון אַ באַקאַנטער פרוי, פון ערגעץ אין נאַטאַל.
זי האָט געבעטן כ'זאָל אריבערקומען אויף אַ ווייל צו איר.
און ווי עס זאָל נישט זיין פאַרעלטערט און באַנאַל —
דערפריי איך זיך נאָך אַלץ מיט בייגעלעך פאַרשריבענע פּאַפּיר...
אזוי ווי אַלעמאָל, פון שטענדיק אָן, דו ווייסט? —
אָט ווי עס הייבט זיך אָן צו וואַקלען אונטער דיינע פיס דער באָדן, —
אזוי קומט אומגעריכט צו דיר אַ שפּאָגל־נייע טרייסט,
ווי עמיצער וואָלט דיר צוריקגעבראַכט אַן אַלטן שאָדן,

און דאַן עס ווערט דיר גרינג, אַזוי מין גוט און וואַרעם...
דאַן קען דיר ווערן זיס אפילו גרינער סם...

הכלל, עס האָט מיין פריינט דערוואַרט מיך אויף איר פאַרעם.
די קייטן ברוינע בערג אַרויסגעשטאַרצט פון ים,
די ווילדערניש אַרום, דער שוימענדיקער ברעג,
די שטענדיק לאַכעדיקע, גוטמוטיקע זולוס,
די גרויסע רייכקייט פון די הייסע אַפריקאַנער טעג,
און איבערהויפּט די שוואַרצע, טאַנצענדיקע בתולות,
וואָס פלעכטן אויס פאַרכישופט תאוודיקע טענץ
מיט הייסן ריטעם און עקסטאַזש פון אָנגעהייצטן דרום...
עד, איך זאָג דיר, נישטיק איז אַנטקעגן אַלעם דעם דער וויסער מענטש,
אָרעם איז ער, הילפלאָז, ווי אַ בלינדער וואָרעם.
וואָס, אַ שטייגער, איז אַזוינס זיין איידעלער רכוש? —
באָמבעס, עראָפּלאַנען, קוילן־וואַרפערס, קריג,
צי ליגנערישע ליבע איינגעטונקט אין זנות? —
צי האָבן מיר דען ווען ניט איז געפילט באַגייסטערונג און גליק?
צי אָדער האָבן מיר אין זיך פאַרנומען אונדזער פּראָסטע פרייד? —
אַ ליגן איז עס, אָנשטעל, אַלצדינג איז געמאַכט:
מיר האָבן אונדזער נאַקעטקייט פאַרדעקט מיט אונדזער קלייד,
מיר שעמען זיך פאַר זיך אַליין אפילו אין דער נאַכט,
און קיין זאַך ווילן מיר נישט זען. צעשראָקן ווי די שטרויסן
באַהאַלטן מיר פון אַלצדינג אונדזער בליק...

נאָר יאָ, כ'האָב זיך פאַררעט. נישט דאָס בין איך דאָך אויסן,
איך וועל זיך בעסער אומקערן אַהין צוריק
צו יענעם פּלאַץ, צו יענער גרויסער ערד,
וווּ כ'האָב געהאַט פאַרבראַכט אַנומלט מיין וואַקאַציע.
(דו האָסט געוויס פון יענער געגנט קיינמאָל נישט געהערט)
דאָס איז געווען אַ גרויסע זוניקע פּלאַנטאַציע
אַ העלפט פאַרזייט מיט צוקער־רערן און אַ העלפט מיט אַפּעלסינען,
זי איז געלעגן אין אַ טאָל פון גילדערנעם באַטאַל,
און דאָרטן האָב איך טאַקע זי געטראָפן — לינען, —
דאָס שטאָלצע זולו־מיידל פון אַ נאָנטן קראַל,
זי האָט מיר אין דער פרי אַריינגעטראָגן קאָפע
און האָט צעשטערט די ערשטע רואיקייט אין הויז.
מיר האָט זיך שרעקלעך דאַמלסט נאָך געחלשט שלאָפן,
נאָר ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט איז לינאַ שוין געווען אַרויס,
זי האָט אַרויסגעשלייכט זיך פון מיין צימער פאַרזיכטיק מיט ווייכע טריט
און האָט אַ ריח הינטער זיך אַ שיכורן צעשפּרייט —
דעם שטאַרקן ריח פונעם בוש, פון קאַקטוסן אין צוויט,
ווען זיי צעבליִען זיך אַרום מיט דרומדיקער פרייד,
מיט הייסן, ווילדן פאַרב פון אפריקאַנער שקיעות...

אין יענעם אינדערפרי האָב איך דערפילט אין זיך אַ פרישע לוסט,
אַ לוסט צו לעבן אויף דאָס ניי אָן צוויפל און אָן מניעות,
איך האָב פון אזא פרייד פון פריער קיינמאָל נישט געוווסט.
דערשלאָגנקייט און זאָרג? — ווער האָט געקאָנט גאָר טראַכטן פון דערפון? —
דערזען האָב איך אַ וועלט, וואָס האָט געטרונקען זיך אין זון,
וואָס האָט געפּלייצט אויף דר׳ערד פון אַלע ווינקעלעך און שפּאַרעס,
און האָט געשניטן פּאַסמעס־וויַיז די לופט ווי מיט אַ מעסער.
צו צווייפלען דאַמאָלסט אין דער שיינקייט פונעם לעבן וואָלט געווען נאַריש.
די שיינקייט איז אוודאי נישט געלעגן אין פּאַלאַצן צי אין שלעסער, —
זי איז געלעגן דאָ ביים ים, אין טאָל, צי איינפאַך אויפן באַרג.
נאָר אין דער ווילדערניש פון בראשית האָט מען זי געקאָנט געפינען.
נאָר עפּעס איז פּאַר מיר די גרויסע שפּע מיטאָמאָל געוואָרן קאַרג
פון יעמלט אָן ווי איך האָב נאָר ביי זיך געטראָפן לינאַן, —
אָט ווי א רויב־פויגל איז דאַמאָלסט זי צו מיר געקומען
אריין, באַוויזן זיך און איז אַוועק...

דערווײַלע האָבן פרישע זיך גענומען
אויף דער פּלאַנטאַציע צינדן אָוונטן און טעג
ארומגעזוימט מיט גאָלד פון רייפע אַבריקאָסן.
כ׳האָב פשוט נישט באַמערקט ווי ס׳איז די צייט געלאָפן,
ביז וואָנעט ס׳האָט אַ צי געטאָן, פון העלער הויט, מיט אָסיען, —
ווען איך האָב ווידער לינאַן אומדערוואַרט געטראָפן.

„דו ווייסט?״ — האָט מיטאָמאָל מיין פריינט צעלאָזן זיך מיט ברען, —
מען זאָגט, אז שיינע פרויען קען מען טרעפן אין פּאַריז,
אין לאָנדאָן, אין ניו־יאָרק מען קען זיי מערנישט זען...
— אָן איינגערעדטע זאַך, אַ נאַרישקייט, וואָס איז? —
ווו ליגט די שיינקייט זייערע, דו קענסט מיר אפשר זאָגן: —
אין פּודער, שמינקע, פאַרב, צי אפשר אין קאָרסעט,
צי אין די מאָדעס אויסטערלישע וואָס זיי טראָגן?...
די פרוי געוואָרן איז באַנאַל, צווישן זיך גערעדט,
עס שלאָגט פון איר צום מערשטנטייל מיט לאַנגוויל און מיט איבל,
עס פעלט איר רייץ, ראָמאַנטיק, ראַפינירטער חוש...
ערשט דאָ האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט די פרוי פון ביבל, —
אָט לאָמיר זאָגן: — אסתר, מרים, מלכה שבאָ, צי רות...
לינאַ האָט אַ ווילדן צויבער, זאָג איך דיר, געהאַט: —
איר דינע האַנט, איר פוס, איר האַרטע קיילעכדיקע ברוסט,
איר טונקל־ברוינע הויט, ווי גוטער שאָקאָלאַד...
עך, פון אזא שיינקייט האָב איך פריער קיינמאָל נישט געוווסט: —
אַן אייניקל פון שוואַרצע פּרינצן און פון גרויסע „טשיפן״,
איז זי געווען גראַציעז ווי די פּאַנטערע,
און ווי אַ קליינע וועווערקע אין בוש האָט לינא האָלט געהאַט צו שטיפן,
זי פלעגט פון דעם גאָר קיינמאָל מיד נישט ווערן,
און לאַכן האָט געקאָנט זי, לינאַ — אזוי ווייך און זיס

געלעכטער איז געווען איר שענסטע שפּראַך...
ווי קען זיך גאָר די פרוי פון לאָנדאָן צי פּאַריז
פאַרגלייכן מיט דער פרוי פון אייביקן תנ״ך? —

און איצט, ווען איך האָב לינאַן ווידער דאָ געטראָפן,
האָב איך געהאַלטן שוין אין פּאַקן מיינע טשעמאָדאַנעס.
די פאַרעם איז געלעגן שטיל, עס האָט גערעגנט,
עס האָט געשמעקט די לופט מיט ווייכקייט פון באַנאַנעס
און מיר איז אויסגעקומען שווער מיט אַלצדינג זיך צו שיידן.
מיין פריינט האָט מיך נאָך געבעטן כ׳זאָל דערוויל נישט פאָרן...
נאָר גאָרנישט איז געבליבן שוין פאַר אונדז פון וואָס צו ריידן,
און אגב איז מיר עפּעס אומעטיק אזוי געוואָרן: —
עס האָט מיך דאַן ביז ווייטאָק אַזש פאַרדראָסן
די שלעכטע נייעס וואָס איך האָב באַקומען וועגן קריג:
דאָס פרישע בלוט, וואָס מענטשן האָבן ווילדזיניק פאַרגאָסן,
און היטלערס דאַמלסטיקער גרויסער, טריאומפאַלער זיג —
אז איך האָב גאָר ביי זיך געהאַט באַשלאָסן
אַוועקצוגיין ווי אַלע אין אַרמיי.

און כאָטש איך האָב געזאָגט, אז כ׳האַלט נישט פון מאַרטירער, —
דאָך שרייט דאָך יעדערער, ווען ס׳טוט אים עפּעס וויי.
ס׳איז נישט די פראַגע איצט פון פירער צי פאַרפירער,
ס׳איז אויך, אוודאי, נישט דער נאַציאָנאַלער רייץ,
דאָס יאָגן זיך נאָך לאַנד, פאַרכאַפּן טעריטאָריעס
און שטאַרבן פאַר אַ שטיקל אויסגעטראַכטן קרייץ, —
ניין, דאָס זיינען זיכער בלויז פאַשיסטישע טעאָריעס...
מיך קימערט איין זאַך מערנישט און דאָס איז — לעבן פריי,
נישט שלעפּן זיך פאַרשקלאַפּט ווי אָקסן אינעם יאָך...
„יו־סי״ — האָט מיסטער איקס דערקלערט מיר פון דאָס ניי: —
מיך קימערט היינט דעם מענטשנס אַלגעמיינער בראָך,
דערפאַר האָב איך געוואָלט אַוועקגיין טאַקע דינען,
נאָר דווקא דאַן האָב איך באַדאַרפט דאָ ווידער טרעפן לינאַן.

אין יענער אויסטערלישער שעה איז זי געווען שענער ווי געווען.
די גרויסע אויגן אירע האָבן אומעטיק געברענט,
און דייטלעך האָב איך טיף אין זיי אַ מין צעטומלטקייט געזען.
איך האָב אין יענעם אָוונט לינאַן פּשוט נישט דערקענט:
עס האָט פון איר געשמעקט מיט נאַסן ווינט,
און פון די אויגן אירע האָט ארויסגעקוקט אַ מאָדנע שרעק.
זי האָט מיט זיך דערמאָנט אַ הירש, וואָס כאַפּטעס הינט
מיט ווילדער מערדעריי פאַריאָגן אויף געיעג...
די גאַנצע איז זי דאַן געווען פון דעם רעגן נאַס,
און דאָך איז זי געשטאַנען און געוואַרט אויף עמיצן ביים טיר.
איר אָפּגעדעקטע לייב האָט, דאַכט זיך, אויסגעקוקט ווי בלאַס...

ווען זי האָט מיך דערזען איז זי פֿאַרשעמט אריין צו מיר: —
זי האָט געהערט, אז כ׳פֿאָר אַוועק פֿון דאַנעט ערגעץ ווייט,
איז זי געקומען איצט מיר זאָגן כאָטש „גוד־ביי״...
געוויס, זי האָט פֿון מיר געטראַכט די גאַנצע צייט.
נאָר וואָס? — איך וועל זי דאָך פֿאַרלאָזן איצטער סיי־ווי־סיי...

אין יענער רגע האָב איך ליגאַן נישט פֿאַרשטאַנען.
וואָס האָט דאָס שטאָלצע זולו־מיידל דאָ פֿון מיר געוואָלט?
פֿון וועמען האָט זי זיך דערוווּסט, אז כ׳פֿאָר אַוועק פֿון דאַנען? —
זי זאָגט, זי האָט פֿון מיר געטראַכט, — דאָס מיינט זי האָט מיך האָלט,
און אויב אזוי, — טאָ צוליב וואָס איז דאַמלסט זי פֿון מיר אַנטלאָפֿן,
און האָט די גאַנצע צייט מיך מערער נישט געוואָלט אפילו זען.
מסתמא האָט דאָך עפּעס וואָס מיט איר אזוינס געטראָפֿן,
נאָר וואָס, אַ שטייגער, האָט געקאָנט מיט איר, למשל, דאָ געשען? —
און כ׳מוז זיך מודה זיין, אז ס׳האָט דער גאַנצער סוד
פֿון ליגאַס אויפֿפירונג מיך גריילין אימפּאָנירט,
נאָר ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אז זי האָט מיך פֿאַרהייליקט ווי אַ גאָט? —
דו לאַכסט, ס׳איז קאָמיש, האַ? — טאָ הערך, וואָס ס׳האָט פּאַסירט.

דער ים, ביי אָט דעם זוניקן נאַטאַלער ברעג
איז ברייט און טיף, און מאַיעסטעטיש גרויס און מעכטיק.
איך פֿלעג דאָ מיט די כוואַליעס ברויזיקע פֿאַרברענגען מיינע טעג,
און וויפֿל מאָל האָב איך דאָ אויפֿן קילן זאַמד גענעכטיקט.
איך פֿלעג זיך דאַן פֿאַרגעסן פּשוט אָן דער גאַנצער וועלט: —
אַ מענטש אַ פֿרייער, זאָט און אויסגעשלאָפֿן, גליקלעך ווי אַ זולו, —
אַ גביר אַ יאָדערדיקער אָן אַ פּעני געלט,
מיט וואַכן אָנגעשטאָפּטע שעפּערישע, פֿולע,
ווי ברייטע פֿעלדער רחבותדיק פֿאַרזייט מיט גרינע מיליס,
ווי פֿאַסמעס ערד, וואָס הייבן פֿרילינגדיקע אָן צו קוועלן...
דאָרטן האָב איך גלויביק אויסגעדאַוונט מיינע פּראָסטע תּפֿילות,
דאָרטן האָב איך אין די נעכט פֿאַרנומען דעם גערויש פֿון ווייטע וועלן,
און איבערהויפּט, ווען ס׳פֿלעגט דער ים אַמאָל משוגע ווערן
און נעמען ברעכן פֿון דער טיף אַרויס מיט גרינער גאַל,
און ס׳פֿלעגן זיך אין אַלע הימלען אויסלעשן די שטערן, —
ערשט דאַן פֿלעגט ווערן גרויס דער צויבער פֿון נאַטאַל.
די פֿעטע ערד פֿלעגט ווערן ליידנשאַפֿטלעך, דאַמאָלסט, ווי אַ יונגע ווייב —
גלייך ווי זי וואָלט איר הייסע מיידלשאַפֿט געוואָלט פֿאַר עמיצן באַנייען,
און ס׳פֿלעגט אַ שאַרפֿע גלוסטעניש ארומכאַפּן דיין לייב,
אַ ווילדע בענקעניש פֿלעגט נעמען שטיקן דיך אזש ביז צום שרייען,
און דאַן פֿלעגסטו באַנעמען ערשט דעם אומעט פֿון צו זיין אַליין,
פֿון נישט וויסן ווו אַהינצוטאָן, צו אַלדע גוטע יאָר, אזא רכוש,
און ס׳פֿלעגט דיך ממש אָנפֿאַנגען צו שטיקן אַ געוויין: —
צעווייגען זיך, ווי ס׳וויינט די חיה ערגעץ־ווו אין בוש,
ווי ס׳וויינט אין עלנט אַ פֿאַרטריבענער דער היימלאָזער שאַקאַל

האָט זיך געוואָלט אין יענער פינצטערניש פון אַפריקאַנער בוש,
וואָס האָט געשפּאַרט פון אַלע זייטן פונקט ווי פון אַ טיפן קוואַל...

און אָט די איינזאַמקייט האָב איך געפילט נאָך מער אין לעצטן אויפדערנאַכט,
ווען כ׳האָב געהאַלטן שוין אין פּאַקן מיינע זאַכן.
די געגנט איז פאַר מיר געוואָרן ענג דאָ מיטאַמאָל,
עס האָבן מיך געצומען ציען ווייטע, אומבאַקאַנטע שליאַכן
אַהינטער יענע בערג. איך האָב געוואָלט דערהויבן זיך פון טאָל,
אַוועקגיין ווידער אינעם בוש־פעלד, ווי אַ טרעמפּ,
ארומכאַפּן די וועלט מיטביידע דיינע אָרעמס,
און אזש ביז משוגעת האָט ווייטאָקדיק און טעמפּ
געצומען שניידן אזא גרויסע בענקשאַפט אויפן דרום...
נייך, אוודאי וויסטו נישט פון יענע בענקעניש, מיין פריינט,
וואָס ריזלט אויס דורך הייסע טעג, ווי שמעלצנדיקער אייז
און פילט דיך אָן מיט שטילער נאָגעניש דיין היינט,
און דרייט דיך נאָכאַנאַנד ארום פאַרלאָרן אין אַ כישוף־קרייז,
און טראָגט דיך ווייט אַוועק, העט ווייט צו אומבאַקאַנטע ברעגעס
אויף ווייכע, מוטערלעכע, אויסגעשפּרייטע הענט...
דו טרינקסט אַ דורשטיקער דאַן יענע פולע רגעס,
ווי ס׳וואָלט אין דיר דיין דורשט אַ לעבן־לאַנג געברענט,
און דאַן, אויב עמיצער באַווייזט זיך פּלוצים אויף דיין שוועל: —
אַ נפש לעבעדיקער מיט אַ צונג, אַ מענטש מיט פרישע רייד, —
הייבט אָן צו שטיקן דיך פון גרויסער אויפרעקונג אין קעל,
און ס׳שפּאַרט פון דיר ארויס אזוי פיל דאַנקבאַרקייט און פרייד,
אזוי פיל דאַנקבאַרקייט פאַרמאָגסטו אויף אַן אָרט
פאַר יעדן גאַסט, וואָס עפנט אויף פאַרמאַטערטער דיין טיר,
און טייער ווערט דיר דאַן איעדן מענטשנס וואָרט...

און דאָ איז לינאַ גאָר געקומען אומדערוואַרט צו מיר.
לינאַ, — יענע רויב־פויגל מיט איר שאַרפן, ברענענדיקן בליק —
די פרוי פון נאַנטן קראַל — האַלב נאַקעט און צעררייצט...
אין יענער נאַכט האָט זי זיך נישט געאיילט אוועקצוגיין צוריק...
עס האָט פון איר אַ הייסע ליידנשאַפט געפלייצט,
איר בלוט האָט זיך צעגאָסן אין איר פיבערדיקן גוף,
דאָס שוואַרצע בלוט פון שוואַרצע, אויסדערוויילטע שטאַמען,
און פון די אויגן אירע האָט ארויסגעקוקט אַ בעטעניש, אַ שטילער רוף: —
„קום, מיר וועלן זיין דאָס לעצטע מאָל צוזאַמען,
מיר וועלן זיך באַהעפטן ביידע ווי די כוואַליעס אויפן ים,
מיר וועלן זיך אַוועקטראָגן אין ווינט ווי פרייע אַלבאַטראָסן...
און לינאַ האָט געברענט ווי דימענט איידעלער מיט שוואַרצן פלאַם
וואָס ווערט אין גרעסטן שטורעם קיינמאָל נישט פאַרלאָשן...

און יענע נאַכט, — (דאָס איז געווען אַזוי אַרום סוף חודש מאַרץ
איך האָב שוין אויף דער פאָרם דאָ געהאַט פאַרבראַכט באַלד אַ חדשים זיבן)
— צו זיין סענטימענטאַל און זאָגן, אַז עס האָט מיין האַרץ
געוואָלט זיך ווי אַ נזיר איינזאַמער אין עמיצן פאַרליבן
האָלט דאָך געווען געגנוג... און דאָך האָב איך דאָס נישט געקאָנט,
כ׳האָב אין מיין גרויסער איינזאַמקייט גאַנץ פשוט נישט געהאַט מיט וועמען...
און דאָ איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר אַ פרוי אַזוי מין טריי און נאָנט,
זי האָט אפילו נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט זיך שעמען —
די גאַנצע האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפן אונטער מיין רשות: —
„באָס“, האָט זי נאַאיוו בלויז צוגעגעבן, „יאָ, דו ביסט מיין האַר“...
און ווידער האָט פאַרשמעקט די נאַכט אַרום מיט ווילדן בוש,
און ס׳האָט זיך אומדערוואָרט פאַר מיר צעפלאַקערט אַ געפאַר,
איך האָב זיך ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך אויפן שטורעמדיקן ים פאַרלאָרן.
לינאַ האָט איר ווילדן כח דאַמאָלסט זייער גוט געוווסט: —
זי האָט געררייצט און מיר איז פשוט ענג די גאַנצע וועלט געוואָרן: —
עד, די היפטן אירע און אירע פולע, האַרטע ברוסט,
איר קיילעכדיקע, רונדע לייב אַזוי מין ווייבלעך־צאַרט און טונקל־מאַט,
און אירע ציטעריקע, סענסיטיווע קני...

דיין אויג האָט נישט געקאָנט זיך אָנקוקן מיט אַלעם דעם צו זאַט,
און לינאַס יעדער גלעט האָט דיר דערלאַנגט אַ פייערדיקן ברי,
עס האָט געהיצט ווי ווילדער פייער, וואָס ס׳צעשפּרייט זיך אינעם גראָז,
וואָס צויבערט פון דער ווייט מיט כישופדיקע פלאַמען.
און איך, דער ווייסער מענטש, איר האַר, איר באַלעבאָס, —
איך מאַך זי פשוט גליקלעך, וואָס איך בין מיט איר צוזאַמען, —
איך, איר גלויביק־איינגערעטער גרויסער גאָט, —
דער מענטש מיט ווייסער הויט, מיט קראַנקער איידלקייט פון בלאַסע
אייראָפּייער —

זי זעט אין אַלצדינג, וואָס איך זאָל נישט טאָן, אַ חסד־פולן גנאָד...
אָ, זי זעט אַ הייליקן מיך פונקט ווי דורך אַ דינעם שלייער,
זי פילט אַיעדן ריר פון מיין געבענטשטער האַנט,
וואָס קען זיין גוט און מילד און קען אויך ביטער שטראָפן...
זי איז פון מיר דערפאַר ווי פון אַ הייסער בראַנד
דעם ערשטן מאָל צעטומלטע אַנטלאָפן,
זי האָט דערפילט די גרויסע שרעק פון אַ באַפעלער,
און ס׳האָט אין איר זיך אויפגעוועקט דאָס מינדערונג־געפיל פון שקלאַפן,
נאָר איצטער ווייס זי שוין — זי האָט געוויס געמאַכט אַ פעלער...
פאַר וועמען אָבער איז די גאַנצע וועלט באַשאַפן? —
פאַר אים, דעם ווייסן האַר, אַזוי האָט זי פון עמיצן געהערט,
ער איז דער אויסדערוויילטער אויף דער ערד פון אַלע מענטשן,
צו אים געהערט דאָך אומעטום די גוטע ערד,
נאָר איצט איז זי געקומען דאָ צו אים ער זאָל זי בענטשן,
אָט זאָל ער אויפהייבן די תפילה אירע פון איר מויל...
דער גייסט פון ווייסן לאָרד איז שטאַרקער פאַרן האַרבסטיקן געוויטער,

ער שפּרייט אַריבער אַלע קראַלן אַ פאַרצערטן גרויל,
און ס׳כאַפּט דעם לייב אפילו אָן פאַר אים אַ ציטער, —
דערפאַר איז זי דערשראָקן דאַן פון אים אַנטלאָפן,
זי האָט אָבער קיין רו אין ערגעץ נישט געקענט געפינען...

און דאָ, נאָך אַלעם דעם איז זי געקומען צו מיר שלאָפן.
איך האָב געמיינט, בעת מעשה, אַז איך גיי אַראָפּ פון זינען: —
וואָס ווייסטו דען, מיין פריינט, פון יענעם ברענענדיקן פחד,
ווען צוויי פאַרליבטע מענטשן שרעקן זיך פאַר אייגענע געפילן?...
דו ביסט זיך מיט דער גלאָריע פון דער גאָרער וועלט מתיחד,
דו ווייסט אליין נישט ווי דיין הייסן דורשט צו שטילן,
וואָס כיטרע מענטשן נוצן אויס אליין פאַר זייער צוועק.
און מיטאַמאָל עס שווימט פאַר דיר ארויס מאַראַל, פאַרפירערשער געזעץ,
דאַן ווילסטו זיך באַהאַלטן ווי אַ קרעציקער מיט זיינע ווילדע קרעץ,
און ס׳ווערט אַיעדער טראָפן תענוג אַנגעפילט מיט שרעק, —
ווי עמיצער וואָלט העלע זון אויף פינצטערניש צעביטן,
און ס׳וואַקסט די מורא טונקעלע כסדר אין דיין האַרץ.
דיין גאַנצן לעבן לעבן ווי דו מוזט פאַר אַלעמען זיך היטן.
וואָס איז דער אונטערשייד צי ווייס איז זי, צי שוואַרץ? —
וואָס האָט מען גאָר פאַר דעם געזעצן נאַרישע געבויט? —
די שוואַרצע פרוי קען ליבן אויך אַזוי ווי דו, —
איי וואָס? — עס איז אַ ביסל טונקעלער איר הויט?...
נאָר גאָט מיינער... פאַרשטיי, מיין פריינט, די וווּנדערלעכע רו,
וואָס לינאַ האָט פאַר מיר אַ דורשטיקן געבראַכט...

און דאַן, אין יענער נאַכט
האָב איך דערזען אַז ס׳איז נאָך וווּ ניט איז אַ ניצוץ געטלעכער פאַראַן:
נישט אַלץ איז הפקר אין דער וועלט פון ציניש פאַררעטער...
אָט לאָמיר זאָגן יענע שיינקייט פון אַ פרוי, וואָס גאַרט נאָך תאווה פון אַ מאַן,
וואָס ווערט דורך שטילער אויפרעקונג דערהויבן און פאַרגעטערט...
און ווי אַ טרייער פריינט זי וויל אים שלעפן מיטהעלפן זיין יאָך,
זי וויל די ליידן זיינע העלפן אים פאַרשפּאָרן...
דערזעסטו טאַקע דאַן, אַז ס׳איז אַ זינען נאָך פאַראַן אין מענטשנס בראָך,
און אַז דו ביסט אין לעבן נאָך אוודאי נישט פאַרלאָרן, —
און דאָ, אָט דווקא אויף דער גרויסער אפריקאַנער ערד,
די ערד די זעלביקע, וואָס אויפגעהאָדעוועט האָט לינאַן,
איז מיר אַן אָפּגענאַרטן ווידער, סוף־כל־סוף, געווען באַשערט
די גרויסע רו כאָטש אויף אַ קורצער רגע צו געפינען...

„הכלל״, — האָט וויטער פאַרגעזעצט מיין עקזאַלטירטער פריינט, —
פאַר יענער נאַכט וועל איך זיך קיינמאָל נישט פאַרגעבן,
כ׳געדענק זי נאָך אַצינד, אָט פּונקט אַזוי ווי היינט.
מיר האָבן ביידע אויפגעכאַפּט זיך דאַמאָלסט אויף דאָס ניי צו לעבן,
מיר האָבן ביידע זיך צעמישט אין איינעם ווי צוויי טראָפּנס טוי,

זי איז געווען געהאַרכזאַם, שטיל און צאַרט, נאַיוו,
און דאָך האָט זי פאַרמאָגט די הייסע תאווה פון אַ פרוי,
וואָס האָט געברענט מיט הייסן ברען פון אַלטן פרימיטיוו...
זי האָט אין דיר אריינגעגאָסן יענעם ברויזנדיקן סם
וואָס שטורעמט אויף דיין צאַפּלדיקן האַרץ,
פון ווייטן האָט געבייזערט זיך דער ווילדער ים,
און דאָ? — די שותפוסע פאַרקערפּערונג פון ווייס און שוואַרץ —
דער דרום מיט זיין ליידנשאַפט און איך— דער ווייסער אייראָפּעער,
דער אייניקל פאַרכאַוועטער פון בלייכע מיוחסים, —
נאָר לינאַ האָט צעריסן דאַן די ערשטע יענעם שלייער...
עס האָט איר פרישע תאווה ווי אַ כוואַליע זיך צעגאָסן,
זי האָט געפּלייצט אריבער אַלע כללים און געזעצן,
אַריבער אַלע מענטשישע באַגריפן, —
און אַט אזוי האָט לינאַ זיך אליין פאַרפלאָנטערט אין די נעצן —
דאָס שטאָלצע אייניקל פון שוואַרצע פרינצן און פון גרויסע „טשיפן"...

אַ גאַנצע נאַכט איז לינאַ נאָכדעם דאָ מיט מיר פאַרבליבן,
אויף מיין געלעגער איז זי ווי אַ הירש פאַרמאַטערטער געלעגן,
אוודאי האָט אַ מאַן אין איר געקאָנט זיך דאַן פאַרליבן...
אין דרויסן האָט נאָך אַלץ געבושעוועט דער רעגן,
און ס'האָט דער ים געבראָכן פון דער טיף ארויס מיט גרינער גאַל,
עס האָט זיך אויסגעדוכט, אז ס'וועט איצט מבולן אָן אַ סוף,
און עפּעס אומהיימלעך געוואָרן איז נאַטאַל.
ווען איך האָב זיך אויף מאָרגן אויפגעכאַפּט פון שלאָף,
האָב איך שוין לינאַן לעבן זיך, פאַרוווּנדערט, נישט געפונען.
איך האָב אפילו ניש געהערט, ווי זי איז שטילערהייט פון מיר אַוועק.
דער טאָג האָט זיך געשפּילט אַ גליקלעכער פונקט ווי מיט טויזנט זונען,
און אויפן זאַמד פון אָפּגעשווענקטן, איינגעשטילטן ברעג
געלעגן איז איר קערפּער שליימיק, קאַלט און נאַס.
ווי ס'שיינט האָט זי דערגרייכט אַ שטורמישע איר גליק,
זי האָט געפונען, סוף־כל־סוף, איר האַר, דעם ווייסן „באַס"...
נאָר וואָס? — זי וועט דאָך אים פאַרלירן באַלד צוריק, —
האָט זי פאַר זיך די טיפעניש פון ים שוין אויסגעקליבן בעסער...

דערווײלע האָט די זון געשניטן פאַסמעסווייז די לופט ווי מיט אַ מעסער,
און פלוצים האָט דער בוש אַ צי געטאָן מיט פרישן, אפריקאַנער אָסיען,
נאָר ס'איז די וועלט, די וועלט די זעלביקע פאַרבליבן ווי געווען: —
די קייטן ברוינע בערג, די אומשולד־ווייסע אַלבאַטראָסן,
דער ים, די גרויסע ערד, — ווי גאַרנישט וואָלט געשען —
פאַרנומען האָבן אומגעשטערט די רייכע שיינקייט פון דער וועלט
מיט טיפן דאַנק און ליבע, — אָן אייפערזוכט און קינאה...
נאָר איינע האָט אַצינד צווישן דעם געפעלט, —
די איינע איז געווען לינאַ...

פליגלען פון צער

א ו מ ר ו

.1

זיצט אַן אומרו טיף פֿאַרבאָרגן,
זיצט אַן אומרו ערגעץ־ווו
און דעם גאַנצענעם פרימאָרגן
לאָזט ער היינט מיך נישט צורו.

דאָס, וואָס ס׳איז שוין לאַנג פֿאַרגעסן,
דאָס, וואָס ס׳איז שוין לאַנג אַוועק: —
שטומע, עלנטע מעת־לעתן,
פּוסטע, אלולדיקע טעג,

רגעס פול מיט שטילן ציטער,
רגעס אָנגעזאָפּט מיט נויט, —
פון אַ האַרבסטיקן געוויטער
ביז אַ פרישן, שוואַרצן טויט —

אַלצדינג לאָזט ער מיר דערמאָנען,
און ער ציילט די לאַנגע שעה,
און ער רופט זי ביי איר נאָמען,
נאָר זי איז שוין לאַנג נישטאָ...

.2

שאַ, נישט ברענג צוריק מיין גלויבן,
מיין אמונה פריש נישט אָפּ.
זאָלן פון די נאַסע שויבן
טריפן טראָפּנס — טראָפּ נאָך טראָפּ.

זאָל אויף אייביק זיין פאַרגעסן
דאָס, וואָס הייליק איז ביי מיר,
און אין איינזאַמע מעת לעתן
מער דערמאָן מיך נישט פון איר...

זאָל אין וועלט פון „גאָרנישט ווערן"
מער נישט אויפגיין שוין קיין טרייסט.
אויף צו וואָס דאָס לאָזן הערן
פון איר נאָמען — ווי זי הייסט? —

אויף צוואָס דאָס לאָזן וויסן,
אז זי איז אַמאָל געווען? —
סיוזוי איז שוין אַלץ צעריסן,
און איך וועל זי מער נישט זען...

.3

לאַנגווייל. גרויליק דער פרימאָרגן,
טראָפּנס פאַלן טריף נאָך טריף.
שפּאַרן דאָס אזוי די זאָרגן
פון דער אויסגעהוילטער טיף? —

ווײנט דאָס ערגעץ־ווו אַ גוסס
וואָס דערלעבט זיין לעצטע שעה? —
ווער קען זאָגן און ווער ווייס עס,
אז קיין אמת איז נישטאָ...

כ׳קען אליין דאָס נישט דערקלערן,
און דער אומרו צײלט און צײלט.
אין אַ וועלט פון „גאָרנישט ווערן״,
וואָס ווערט קיינמאָל נישט פאַרהײלט...

ווי אַ ווונד פון לאַנגע יאָרן —
בלוטיקט אייטערדיק און טרערט —
פון דעם טאָג פון מיין געבאָרן
ביז מיין אומקער צו דער ערד...

פון דעם טאָג, ווען כ׳האָב געטראָפן,
ווי אַ קינד, מיין שטילן גליק
ביז דער שעה, ווען כ׳האָב מיין האָפן
אָנגעוואָרן באַלד צוריק.

האַלט דער אומרו אין איין צײלן
אזוי האַרבסטיק, אזוי שוואַרץ,
און ער לאָזט זיך נישט פאַרהײלן
אַלטע ווונדן אין מיין האַרץ.

.4

שניי און ווינט און ווייטער גאָרנישט,
שניי און שניי אויף ווייסטער ערד.
ניין... אודאי... האַ, מען טאָרנישט
נעמען וואָס ס׳איז נישט באַשערט? —

נעמען וואָס ס׳איז נישט געגעבן
קען נישט לינדערן דיין צער.
און איך האָב מיין גאַנצן לעבן
טאַקע שווער געצאָלט דערפאַר.

כ׳האָב געבעטלט ריינע ליבע
ביי אַן אומבאַקאַנטער פרוי, —
ביז זי האָט מיך נישט פאַרטריבן
אין מיין לעבן האַרט און גרוי,

עלנט, גרויזאַם און פאַרביטערט —
נישט געקלערט און נישט געוואַרט...
און ווען כ׳האָב פאַר איר געציטערט, —
האָט איר אויך דאָס נישט געאַרט.

און ווען כ׳בין מיט ווייסע וועגן
פון איר הויז אליין אַוועק —
איז אַ ווייסער שניי געלעגן
אויסגעשפרייט מיט ווייכן שרעק.

גאָרנישט, גאָרנישט. דריי מאָל גאָרנישט
אויף דער ווייסער, ווייסטער ערד.
ניין, אוודאי... יאָ, מען טאָר נישט
נעמען וואָס ס׳איז נישט באַשערט.

.5

און איצט פּרווו איך זיך דערמאָנען
יענע אייביק־ווייסע שעה:
זילבער־אויפגעשטעלטע טראָנען,
און עס פליט אַ שוואַרצע קראָ.

עפּעס לאָזט זי מיר דאָך וויסן
מיט איר שוואַרצן, קאַלטן פאָך.
און אזוי האָב איך געריסן
פון מיין לעבן וואָך נאָך וואָך.

וואָך נאָך וואָך און לאַנגע יאָרן, —
ווי אַ זקן בין איך איצט.
און די קראָ אין מיין זכרון
אַלץ זי פליט נאָך און זי בליצט...

בליצט מיט שוואַרץ אויף ווייסע שנייען,
וואָס פאַרפרירן קאַלט און בלוי...
און וואָס ברענגען מיר צו ווייען
אַלטע גרוסן פון דער פרוי.

אַלטע גרוסן, וואָס דערציילן
אַלטע סודות אזוי פריש,
און וואָס לאָזן נישט פאַרהיילן
יעדן שניט און יעדן ריס...

.6

יאָ, איך האָב אַמאָל פאַרטרויען
סודות הייליקע פאַרטראַכט,
איינער פון די שענסטע פרויען
אין אַ ווייסער ווינטער־נאַכט.

אין אַ נאַכט פון טיפן שווייגן,
ווען עס שמעקט מיט פרישער קעלט,
און פון אַלע ווייסע צווייגן
בליט אַראָפּ אַ ווייסע וועלט.

הייליק איז געווען מיין רצון, —
ווי די קלאָרקייט פון דעם שניי.
גלייך ווי קנאָספּן, ווען זיי שפּראָצן,
האָט געשפּראָצט מיין שטילער ווײ.

נאָר איך האָב דאָס אַלץ פאַרליטן,
כ׳האָב פון שיינקייט דאַן געוווסט,
און געקילט די טיפע שניטן
מיט דער קילקייט פון איר ברוסט.

און איך האָב פאַרנומען גליקלעך
יענעם גרויסן גאָב פון איר,
וואָס זי האָט אין קליינע שטיקלעך
מיר געוואָרפן ביי איר טיר...

.7

ווייס איך נישט צי איך זאָל גלויבן, —
ווער האָט גאָר פון דעם געטראַכט ?...
יאָ, עס האָבן ווייסע טויבן
פרייד אין יענער שעה געבראַכט.

ווייסע טויבן און נישט קראָען
האָבן גליק ארום געשפּרייט.
כ'האָב אין יענע קלאָרע שעהן
שטיל פאַרנומען ווי עס שנייט.

כ'האָב פאַרנומען אזש מיט טרערן
פון מיין ערשטן גרויסן גליק,
און ווער האָט געקאָנט גאָר קלערן,
אז מען ט'צונעמען צוריק...

אז מען וועט דיר פריער געבן, —
נאָכדעם אָפּנעמען דיין רו ? —
און אזוי מיין גאַנצן לעבן
גיי איך אום און ווייס נישט ווו...

גיי איך אום אָט ווי אַ גוסס
און איך שטופּ די לאַנגע שעה.
אָ, ווער ווייס עס ? — יאָ, איך ווייס עס
ס'איז קיין אמת דאָך נישטאָ.

.8

ציילט דער אומרו ווי זיין שטייגער
יעדן דופק פון מיין בלוט.
ציילט ער פּינקטלעך ווי אַ זייגער
יעדע לאַנגזאַמע מינוט.

קומען רגעס און פאַרגייען
גאָר אַזוי ווי נישט געווען.
„וואָלסטו אפשר דורך די שנייען
„וועלן ווידער זי דערזען?"

„וואָלסטו אפשר זיין אַ בעלן
זען ווי זי האָט דאָ געשטראַלט
אין אַ וועלט פון ווייסע שטראַלן —
ווידער טרעפן איר געשטאַלט?"

„ס'זיינען יאָרן, לאַנגע יאָרן
דאָך פון דאַמלסט אָן פאַרביי.
ביסט אַ זקן שוין געוואָרן,
מוזט זי טרעפן פון דאָסניי".

„איצטער וועסטו זי פאַרגעבן,
איצטער וועט זי דיך פאַרשטיין.
איז אַ תכלית דען אַ לעבן
אָפּצוזיין מיט זיך אליין?..."

.9

האַלט דער אומרו אין איין מאַנען
ווי אַ האַרבע, שווערע שטראָף.
זאָל איך ווידער זי דערקאָנען? —
ווען עס נעמען דאַן אַ סוף? —

ווען איך איינשטילן מיין וויטאָק
און דערהויבן זיך צו גאָט,
ווען אין זילבער פון אַ שניי־טאָג
וועט דאָ טרעטן שוין מיין טראָט?...

זאָל איך גלויבן צי נישט גלויבן
וואָס מיין אומרו זאָגט מיר צו? —
ווען איך דען פון אַלטע שטויבן
קענען שאַפן ווידער רו?

ס׳שטייט דאָך אָבער ווו פאַרשריבן,
פון אַמאָל נאָך אַ געזעץ: —
אז מען מוז דאָך וועמען ליבן, —
יעדער גאָט איז דאָך אַ גץ...

איז אַ חילוק וועלכע געטער
בעגלען צו דיך צו דעם קרייץ? —
אז דו ווערסט דאָך פריער, שפּעטער,
אַלץ פאַרפירט דורך זייער רייץ...

זאָל איך גלויבן צי נישט גלויבן,
נאָר נישט גלויבן איז דאָך שווער.
און עס רינען פון די שויבן
גרויסע טראָפּנס — טרער נאָך טרער...

.10

רעגן, וואָלקנס און געוויטער,
און אַ האַרבסטיק־קאַלטע נאַכט.
כ׳האָב מיט אינערלעכן ציטער
אַלע פענצטער שוין פאַרמאַכט.

זיץ איך איצט אליין פאַרזונקען,
אין מחשבות זיך פאַרטיפט.
ס׳ווערט אַ וועלט דאָ באַלד דערטרונקען,
און דער עלנט טריפט און טריפט,

טריפט אזוי און ווערט צערונען,
רינט אַראָפּ פון נאַסע ווענט, —
האָט מיין אומרו זיך געפונען,
און זיין צאָרן ברויזט און ברענט:

„צוים דיין כוח און דיין ווילן,
און דיין מענטשישן פאַרשטאַנד.
פרעך דערשטיק דיינע געפילן
וועלכע ברויזן נאָכאַנאַנד,

„וועלכע פאָדערן און מאָנען,
ווי מען מאָנט אַ האַרבע שטראָף.
וועסטו זיך פאַרגעסן קאָנען, —
וועט עס נעמען דאַן אַ סוף...

„ווער פאַרגליווערט ווי אַ גולם
און פון זיך אליין נישט קלער.
דאַן וועט דיר דיין שווערער צלם
נישט געפאַלן אזוי שווער.

„דאַן וועסטו געוויס דערטראָגן
דיינע ווייטאָקן און פּיין,
און ס׳וועט נעמען דאַמלסט טאָגן
אויך ביי דיר מיט קלאָרן שיין.

„נאָר איין תרופה: — זיך פאַרגעסן,
זיך פאַרגעסן ווער דו ביסט.
דאַן אין איינזאַמע מעת לעתן
וועסט נישט ליידן מער אומזיסט״.

.11

זיץ איך איינזאַם אזוי ווייטער,
אויפן טיש — אַ פלעשל סם.
באַלד וועל איך שוין זיין געלייטערט
דורך דעם לעצטן גרויסן פלאַם...

באַלד וועל איך מיט זיך צוזאַמען
מיטנעמען אַ גרויסן סוד,
און דורך פייערן און פלאַמען
כ׳וועל דערהייבן זיך צו גאָט...

ווערט מיר ליכטיק אינעם רעגן,
ווייל איך ווייס שוין וואָס איך וויל.
וועל איך קיינעם מער נישט פרעגן...
פלוצים אָבער אין דער שטיל

עפנט זיך די טיר פון דרויסן
און מיין אומרו קומט אריין.
„זאָג מיר, וואָס ביסטו דאָ אויסן,
וואָס־זשע גייט דאָ מיט דיר זיין? —

„ביסט אַ שוטה, זיי מיר מוחל,
ביסט משוגע, מין הסתם:
אין דיין דריימאָל שטילן היכל
שטעלן בעכערס גאָר ניט סם,

„און נישט אויפהערן צו קלערן
פון דיין לעבן גאַנצע נעכט? —
אין אַ וועלט פון „פאַרנישט ווערן״ —
זיין ביי זיך אליין אַ קנעכט!...

„אָ, ווי נאַריש, מעגסט מיך גלויבן,
צו פאַרציִען אזא שפּיל.
אגב, קען איך זיך דערלויבן
דאָס צו טאָן דאָך ווען איך וויל...

„טאָ למאַי אַצינד אין מיטן
פאַלן טויט שוין אויפן בעט? —
בעסער ליידן נאָך פאַרליטן, —
שטאַרבן איז דאָך קיינמאָל שפּעט...

נאַריש, נאַריש, מעגסט מיך גלויבן,
ס'איז דאָס לעבן גאָר נישט שווער...
און עס טריפן פון די שויבן
גרויסע טראָפּנס — טרער נאָך טרער".

.12

יאָ, דאָס הייסט פון זיך אַנטלויפן,
זיך פאַרטומלען אין דיין צער,
און זיך פון דאָס ניי פאַרקויפן
פאַר אַ נישטיק־קליינעם שכר...

זיך פאַרקויפט אזוי נאַריש
פאַר אַ צוזאָג, פאַר אַ וואָרט...
יענע וועלט איז לעגענדאַריש, —
אפשר איז דער אמת דאָרט.

שווייגן איינזאַם, גאָרנישט ריידן
מיינט דאָך סיי־ווי נישט געלעבט...
נאָר איך קען זיך נישט צעשיידן,
ווייל דער אומרו שלעפט און שלעפט.

שלעפט אַראָפּ צו טיפע גרונטן
און דערהויבט דיך באַלד צוריק,
עפנט אויף מיליאָנען שפּונטן
און עס גיסט זיך ווידער גליק.

אויסגעמישט איז זון מיט תכלת
און עס שמעקט מיט פרישער קעלט.
גיי ארויס איצט און דערצייל עס
פאַר דער גאָרער קראַנקער וועלט.

זע די קלאָרקייט פון די שנייען,
וועלכע פינקלען אזוי בלוי.
אָט זיי ברענגען מיר צו ווייען
ווידער גרוסן פון אַ פרוי,

ווידער גרוסן פון אַ שניי־טאָג,
פון אַ ליכטיק־ווייסער שעה...
און עס שטילט זיך שוין מיין ווייטאָק, —
ווידער קומט אָבער די קראָ.

פליט ארויס פון מיין זכרון,
שנייט אין לופטן, פליט און פליט...
איז די וועלט שוין ווייס געוואָרן
און דער שניי, ער שיט און שיט.

באַלד פאַרשאָטן אַלע לעכער,
און געהייליקט ווייסן טאָל, —
נאָר דער סם אין שוואַרצן בעכער
פינקלט רואיק ווי אַמאָל,

און אין זילבער־ווייסע שטויבן
פליט ארום די שוואַרצע קראָ.
וויל איך מערער שוין נישט גלויבן,
ווייל קיין אמת איז נישטאָ.

גיי איך אום אַט ווי אַ גוסס
און איך ווייס נישט ווען און ווו.
אפשר, אפשר... אָ, ווער ווייס עס
ווו עס רוט מיין שטילע רו? —

גאָרנישט, גאָרנישט — אייביק גאָרנישט
אויף דער ווייסער, וויסטער ערד.
ניין, אוודאי... יאָ, מען טאָר נישט
נעמען וואָס ס'איז נישט באַשערט.

לעסטערונג

מיין לאַנד, דו ביסט פאַר מיר יאָרהונדערטער געלעגן אין געשטאַלט
פון מיין פאַרליבטן, אויסגעהיטן, בענקענדיקן ספר.
ווען איך פלעג זיך דערפילן עלנט, אויסגעשעפּט און אַלט,
און ווען כ׳האָב אויף דער וועלט געקוקט ווי דורך אַ שפּאַלט,
און ס׳פלעגט דאָס האַרץ זיך אָנפילן מיט קנאה און מיט אייפער
צו יענע פעלקער פריינטלעכע, וואָס האָבן מיר אַ שטיקל דאַך
געגעבן ווו ניט איז אַוועקצולייגן, אויף דערווייל, מיין קאָפּ דעם מידן —
פלעג איך אָן דיר דערמאָנען זיך, מיין הייליקער תנך,
אָן דיר און אָן מיין לאַנד און דאָרט — אָן יענע יידן, —
די יידן, דיינע ווינמאַכער, און פּויערים, און שמידן,
די יידן דיינע פאַסטוכער — ישראלים און מנשה׳ס,
וואָס פלעגן פּיטערן די סטאַדעס ציגן היימיש אויף דער פּאַשע
און האַמערן און גיסן כיורס און כלי־זין.

מיין פאָלק, כ׳האָב דאַן געטראַכט פון עין תחת עין.
איך האָב דיין תורה דורות לאַנג באַהאַלטן און געלערנט.
איך האָב געזען די אַלטע הימלען דיינע אויסגעשטערנט,
דיין גליל און דיין כרמל און דעם פולן ירדן.
נאָר וויט בין איך פון דיר געווען — אויף מיילן, אויף מיליאַרדן,
און ס׳איז דיין הייסע ערד געווען פאַר מיר אי קאַלט אי פרעמד:
דיין פלאַקס איז נישט געוואַקסן דאָרט געראָטן פאַר מיין העמד,
דיין ברויט האָט מיך אַ הונגעריקן קיינמאָל נישט דערנערט,
דיין ווין האָב איך אוודאי נישט געטרונקען פון דיין לאָגל —
נאָר תמיד בין איך אומגעגאַנגען עלנט און פאַרקלעמט,
און ס׳האָבן יאָרן הונדערטער מיין בענקעניש פאַרצערט,
און דיך האָב איך שוין אויפגעהערט צו זוכן אין מיין וואָגל.

מיין לאַנד. אָן דיין אַמאָל האָב איך זיך ווייטאָקדיק געקלאַמערט.
דיין עבר האָב איך איינגעזאַפּט אין מיינע אָדערן די האַרטע,
נאָר מיד בין איך געוואָרן אין מיין וועג אויף דיר צו וואַרטן, —
מיין בלוט האָט שוין אין קאָפּ ביי מיר די שלייפן נישט געהאַמערט,
מיין חלום איז שוין נישט געווען מער בת־ירושלים,
צו שחרית האָב איך אויפגעהערט מיין בליק צו דיר צו ווענדן,
מיין שווערד האָט נישט אַרומגעגורט מיט גבורה מיינע לענדן,
ווייל איך האָב אויף אַ באָדן זיך איינגעפלאַנצט אַ נייעם.

אוי ווי, איך בין אפשר געווען פאַרפולט מיט זינד און ווידערשפּעניג.
איך האָב מיין אַלטן גאָט אין האַרצן מערער נישט געטראָגן,
און כ׳האָב זיך קיין אל חטא פאַרציטערט נישט געשלאָגן,
איך האָב פאַרגעסן אז כ׳האָב אויך געהאַט אַמאָל אַ קעניגרייך, אַ קעניג,
און אין די שעהן איינזאַמע פון רואיקע פאַרטאָגן,
האָב איך שוין מערער נישט געזאָגט „מה טובו אוהלך״...
און דו, מיין גאָט, האָסט צוגעזען מיין זינדיקן פאַרברעכן
און האָסט מיר קיינמאָל נישט דערמאָנט אַן דיין געבאָט און ווילן.
אין תפילים-זעקל האָבן לאַנג געפוילט שוין מיינע תפילין!
עס האָט זיך דער „של ראש״ באַדעקט דאָרט מיט אַ גרינעם שימל,
און ס׳איז מיין טלית הייליקער פאַרשעמט געבליבן ליגן, —
און דו האָסט זיך דאָס צוגעקוקט צו אַלץ ביי דיר אין הימל,
זיך צוגעקוקט און צוגעזען און איינגעשפּאַרט געשוויגן.
און ווי עס וואָלט דיר גלייכגילטיק שוין קיינזאַך נישט געקימערט,
האָסטו דיין קללה נישט געשיקט צו מיר און נישט דיין ברכה.
דיין חסד האָט מיך איינזאַמען שוין מערער נישט באַשימערט, —
נאָר האָסט מיין לעבן אָנגעפילט מיט גרויען אינדערוואַכן.

פאַרוואָס האָסטו אַוועקגעטאָן פון מיר דיין האַס און ליבע,
פאַרוואָס האָט אין מיין אָרעם הויז דיין שכינה נישט געפלאַטערט? —
צי איז מיין גרויסע זינד אליין געווען פאַר דעם די סיבה?
טאָ וואָס האָסטו צו יענע זיך אין אומגליק נישט דערנענטערט,
וואָס האָבן תמיד דיך פאַרערט מיט תפילות און מיט לויבן,
און ווי אַ גאָט פון רחמים פון צאָרן אַ פאַרברענטער
נישט אָנגעצונדן מיט אַ טרייסט ביי זיי די שוואַרצע שויבן?
זיי זיינען דאָך געווען געטריי צו דיר דורך אַלע דורות,
זיי זיינען דאָך געגאַנגען פרום אין אַלע דיינע דרכים,
זיי האָבן דאָך אין זייער בראָך געצונדן פאַר דיר מנורות
און ביי די ליכט די הייליקע געזונגען פאַר דיר שבחים.
זיי האָבן דאָך זיך איטלעך מאָל געוואַשן פאַר דיין נאָמען,
געפאַסט טעניתים, פאַר דיר גאָט, ווי אומגליקלעכע זינדער.
טאָ וואָס האָסטו אכזריותדיק פאַרטיליקט יענע זאָמען,
וואָס האָבן אויפגיין אין אַ פאַלק געזאָלט פון דיינע קינדער.
דו האָסט זיי, ווי אַ פאַסטעך, גאָט, דיין סטאַדע נישט געפּיטערט,
דו האָסט געמאַטערט זיי מיט דורשט און נישט געגעבן טרינקען,
דו האָסט געשטראָפט זיי גלויביקע און דורך דיין גרויסן ציטער
האָסטו אליין זיי גאָר געפירט צו שעכטן אין טרעבלינקע.
און דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל ווי דו האָסט זיי פאַרטיליקט
אין מדבר האָסטו אויסשטאַרבן זיי אַלעמען באַפוילן,
און איצטער האָסטו נאָכאַמאָל אכזריותדיק באַוויליקט
מען זאָל די שייטערס אָנשיטן מיט ברענענדיקע קוילן...

איז דאָס אַ פּרווו געווען פון דיר, כדי צו פּרווון ווידער
צי ס׳וועלן דיינע שקלאַפן דיך נאָך ווי אַמאָל דערקענען? —
דערפאַר האָסטו די גאַז־אויוונס פאַרפולט מיט מיינע ברידער
און האָסט דעם גזר ארויסגעלאָזט — דיין סטאַדע צו פאַרברענען?
אוי, גאָט, אָט האָסטו שוין געזען, ווי ס׳איז אַוועק צוזאַמען
צום שייטערהויפן נאָכאַמאָל דיין גאַנצער גרויסער קהל
און זיך געלאָזן פאַר דיין שם פאַרצוקן פון די פלאַמען
פון וואַנעט ס׳האָט ארויסגעשפּאַרט דער לעצטער שמע ישראל.

זונטאָג

(אַ ליטווישע אידיליע)

.1

באַגינען האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט שמעטערלינגען ווייסע רייען —
בליטעכצן באַזילבערטע פון קאַרשן און טשערעסנעס.
קיל און שטיל אַזוי און פייכטער איז דער אָטעם יעסנעס,
פּונקט ווי אָטעמען עס וואָלטן בלייך־צעבליטע שנייען.
און דער טאָג זאָגט צו צו זיין אַ זוניקער, באַגולטער:
ניט איין שפּרינקעלע פון וואָלקנדל, אויף רעגן איז ניט קאַנטיק.
ווייל־יונגעריש און יום־טובדיק מיט גרינע, ברייטע שולטער
ליגט זיך שטיל און רחבותדיק דער פּריצישער מאַיאָנטעק,
— אַ שטוב אַ גרויסע, הילצערנע פון רייכע באַלעגופן,
מיט אַ דאַך אַ שטרויענעם, וואָס גילדערט אונטער שטראַלן,
און פענצטערלעך פּירקאַנטיקע, ווי אויגן שוואַרצע רופן
פון ווייטן מידע פוס־גייער, וואָס כאַפּטעס הינט באַפאַלן.
און ביי דעם דאַך דעם שפּיציקן עס קומען זיך צוזאַמען
פון האָלץ געטאָקטע פערדן־קעפּ צווי — איינער קעגן צווייטן
מיט גריוועס לאַנג־צעקודלטע, געהאַט ווי פון איין מאַמען.
— פון תמיד־אָן זיי חלומען און וואַנדערער באַגלייטן.
און דאָס הויז דאָס הילצערנע, דאָס גרעסטע אין דער געגנט, —
באַצירט מיט דינע שניצונגען, געזימשן און קאַרניזן,
די קלעצער אויסגעוואַשענע און גרויע, פייכט באַרעגנט...
זי שטייט צווישן קאַרליקעס, געבוירן ווי פון ריזן.
ארום: די שטאַלן, שייערן, קלעהימעשן[1]) און קליטן —
אַ גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון הילצערנע בודינקעס.
די ריינסטע ווייץ אין זאַסיקעס[2]) און גרינסן פולע בייטן,
און האַרבסט־עפּעל רויט־באַקיקע ווי שטיפערקעס מוזינקעס.
אין די קלייטן טונקעלע — די בעסטע בינטלעך פלאַקסן
און צערקעס[3]) בונטע, פאַרביקע און סאַמע דינסטע ליינען.
אליין געשפּונען פעדעם־ווייז, פון פעטער ערד געוואַקסן,
פון שוואַרץ־ערד זאַפטיק־שכורער ווי שוימיק־אַלטע ווינען.
און סקרינעס[4])), קופערס דעמבענע מיט אויסשטייערס געפּאַקטע,
פאַר די טעכטער פּריצישע געהיט פון כמה־יאָרן.
און יונגען שטייפע, פלייציקע פון שטויביק־ווייטע טראַקטן
אין זונטאָגן צעזונגענע זיך שדכענען פאַרפאָרן.

.2

דאָס הויז צעטיילט פון אינעווייניק אויף צווי באַקוועמע שטיבער:
איין האַלבע פאַר דאָס הויז־געזינט, די צווייטע —אַ סעקליצע[5],
פאַר געסט און רייכע פויערים, וואָס קומען דאָ אַריבער...
די שטייט און וואַרט אין זונטאָגן ביז שפעט־נאַכט אויף די פריצים,
נאָר אין די טעג די וואָכיקע — פון תמיד־אָן פאַרשלאָסן.
אזוי מיט שטילער בענקעניש פאַרקריכט אַהין באַגינען,
און עפּעס אזא רואיקייט אַ טונקעלע צעגאָסן,
און מער ניט שקיעות קופּערנע אויף שויבן־גלאָז צערינען.
געדיכט וואַזאַנעס אַנגעזייט ווי שאָטנדיקע וועלדער.
די פענצטערלעך באַפּלאַכטענע מיט פלאַנצונגען און צווייגן.
און אין דעם ווינקל מאַטאָווען די „מאַמע” הענגט צוהאַנגען
מיט אויגן ברייט־צעעפנטע, ווי עמיצן זיי זוכן.
באַשטעקט מיט בלומען טרוקענע, מיט גראָזן און מיט זאַנגען,
וואָס שלאָגן אָפּ אין הייליקע פאַרסודעטע גערוכן.
אַ קיילעכדיקער טיש אזוי אין מיטן קאַמער שטייט ער.
עס קוקט ארויס זיין שווערע פוס, די איינציקע פון אונטן.
פון מיידל־הענט ליגט אויסגעשפּרייט אַ טישטוך אַ באַשנייטער,
— דערמאָנט אָן עפּעס קראַפּטיקן, אָן פשוטן, געזונטן!...
און שטולן פיר פאַרגליווערטע, זיי שטייען ביי די זייטן,
פון מאָנטאָג־אָן אַוועקגעשטעלט — אזוי די גאַנצע וואָכן.
און שאָטנס דינע וויגן זיך און ציטערן און פאָכן,
ביז וואַנעט געסט פאַרפאָרן דאָ פון טיפע, בלאָע ווייטן.

.3

אַ זונטאָג־טאָג אַ גילדערנער, מיט זונען־גאָלד באַשמאָלצן,
באַשפּליטערט ווי מיט בלעטעלעך פון שטראַלן העלע שטיקלעך.
און פויערים באַגעגענען דעם מאָרגן אזא שטאָלצן,
וואָס שמייכלט אַ דערבאַרעמטער פון אַלע זייטן גליקלעך.
מען גריסט זיך און מען „סווייקעט” זיך צופרידן — „גאָרא דיענאָ”[6],
און פויערים ברייטהאַרציקע פאַרפּיפּקענען די פּיפּקעס.
פון זונטאָגן פאַרצאַפּלטע, ווער ווייס דאָס ניט פון יענע,
ווען אין קדושה־הייליקייט פאַרזינקען אַלע שטיבקעס?
און ווען די וועגן טרוקענע פאַרמעסטן זיך מיט פורן,
מיט שיקסעס רויטע, ברוסטיקע און שקצים ווי די לייבן!
פאַרקייקלען זיך אין טיפער ווייט פון רעדער לאַנגע שפּורן.
און הינטן — וואָלקנס זילבערנע פון דורכזיכטיקע שטויבן.
צום תפילה־הויף פאַרפאָרן זיי, די דאָרפישע יונגאַטשעס:
געזונט און שטייף און יאַדערדיק — דער אָטעם פון אָקטאָבער!
צעשפּאַנען זיי די אָגערן די שוימיקע, די קליאַטשעס,
און שיטן אָן די טאָרבעס פול מיט ריין־געזיפּטן האָבער.

און דאַבאַלעס[7]) געשניטענע צעשפּרייטן פּאַזע שטיבער
מיט הויפּנס, ניט געזשאַלעוועט, וואָס שכורן און שמעקן,
— אַן עסק! ווען קימערט דאָס, אז ס׳בלייבט אַ ביסל איבער?
— פאַר גויעס, אַלטע קלייבערקעס, פאַר אַלעמען זאָל קלעקן!
און טאַקע נאָך דער תּפילה באַלד זיי נעמען זיך צעשפּרייטן,
די אַלטע, מידע בעטלערקעס און גראַבענען די הייען:
מען גייט געבויגן, הויקערדיק פון איין וואָגן צום צווייטן,
צווישן בריטשקעס פּריצישע צעשטעלט אין לאַנגע רייען.
און ווידער הילכן קלינגענדיק אויף קרייץ־וועגן און שליאַכן
די גלעקעלעך פּאַרכישופטע און מיידלשער געלעכטער.
און שיקסעס רויטע, ברוסטיקע צעזינגען זיך און לאַכן.
אַ, די שיקסעס יאַדערנע — דעם דערפלס יונגע טעכטער!
און ווידער ווערן אויפגעלעבט די טונקעלע פּאַקאַיעס[8]).
עס אײַלן זיך די פּויערים און פּייפן מיט די לייצעס.
מיט סטעזשקעס שמאָלע אויסגעלייגט פאַרמאַטערט גייען גויעס
— פאַרקאַשערן די ספּאַדניצעס — קאַמאַשן אויף די פּלייצעס...
און פּיס געזונטע, באַרוועסע, וואָס טומלען און וואָס רייצן
צערינען צווישן זאַפטיקע און פעטע, נאַסע גראָזן.
באַגלייטן פורן אײַינציקווייז די גראָ־באַמאַכטע קרייצן,
וואָס בלייבן אַזוי עלנטדיק פון אַלעמען פאַרלאָזן.

4.

אין הויז איז פריילעך־לעבעדיק און יום־טובדיק געוואָרן.
עס האָבן אַלע אומגעקערט צוריק זיך פון באָזשניטשע[9]),
מיט אורחים — געסט בכבודע, וואָס זיינען דאָ פאַרפאָרן.
און ס׳האָבן ברייט צעעפנט זיך די טירן פון „סעקליצע“.
אַ שטראַל האָט זיך ארײַנגעכאַפּט, צעברעקלט זיך אין בליצן,
געציטערט אויף די שויבן־גלאָז, געקיצלט אַ געלעכטער...
צוויי שקצים באַלעבאַטישע, זיי רוען זיך און שוויצן —
אַנטקעגן זיי אַוועקגעזעצט עס האָבן זיך די טעכטער.
מען זיצט אַזוי באַשיידענע, מען קוקט זיך אין די אויגן,
און עפּעס ווערט די רואיקייט אין בענקעניש צעגאַנגען,
דאַן ווערן באַקן מיידלשע מיט רויטן פלאַם באַצויגן,
און פּירות, כּיבוד דאַרפישער, מען הייבט אָן צו דערלאַנגען:
— אַ זיפּ אַ פּולע, בייכיקע מיט אויבסן אָנגעריסן,
מיט עפּל רייפע, זאַפטיקע און בלאָ־באַטויטע פלוימען,
אַ ריח פון אַ סאָסנע־וואַלד נעמט פּלוצים זיך צעגיסן
אין חדר אַזאַ וואַרעמער, ווי זיסע מיידל־טרוימען.
— „קורליאַנדסקע באַרנעס“ גליווערן פאַרהאַרטעוועטע, גרינע,
נאָר ווי מען נעמט אין מויל אַריין — אָט ממש זיי צעגייען!
און „פּאַפּינקעס“ און „האָזן־קעפּ“ און אמתע „שטאַטינע“...

פאַררויטלטע און בערדיקע און קאַלט ווי ווינטער־שנייען.
„פעטשאַ" אַ שיסל ליימענע, פאַרגליווערט ווי אַ לעבער.
און פוטער, קעז געטריקנטע און ווייכע קעז — פאַרשיידן...
אַ קאַלטער קוואַס, אַ וויניקער, וואָס שפּאַרט און שיסט פון צעבער!
און פרישע ווורשט געראָטענע, גאָר זעלטן צו געפינען —
אַ טעלער קאַלטן חזיר־פלייש, אַ שטיקל פעטע שינקע,
געקאָכטע און געבראָטענע, אזש ממש שפּייעכץ רינען!
און אוגערקעס געזייערטע און בראַגע צו פאַרטרינקען.
אַ קילער אָטעם האַרבסטיקער צעגיסט זיך אינעם חדר
פון סעדער, פירות צייטיקע, פון „עפּל־באַראַוועקעס".
און אויסגעפּוצט און אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע קליידער,
זיצן שטיל, געלאַסענע די דאָרפישע פאַנעקעס[10]).
ביז וואַנעט מערב בלוטיקער פאַרוויקלט זיך אין פלאַמען,
און די לופט שוין וואָכעדיק הייבט שמעקן אָן אין מאָנטאָג,
דאַן ווילן ניט די בחורים צוגאַסט זיך לאַנג פאַרזאַמען: —
אַ שמיץ די פערד די ברעניקע — פאַרלאָזן דעם מאַיאָנטעק...
און ווידער שטיל און סודותדיק, עס שמעקט מיט אינדערוואָכן.
דאַן מאַכן זיך די טירן צו פון טונקעלער סעקליצע —
אַ מאָדנע שאַרפע ביטערקייט, אזוי ווי טשעמעריצע,
און שאָטנס לאַנגע וויגן זיך און ציטערן און פאָכן.

[1]) אַ קלעהימעש — אַ שייער פאַר תבואה. [2]) אַ זאַסיק — אַ גרויסער היל־צערנער קאַסטן. [3]) צערקעס — פויערשע שטאָפּן. [4]) סקרינעס — קופערטס.
[5]) אַ סעקליצע — אַ פויערשע שטוב אויפצונעמען געסט. [6]) גיאַראַ דיענאַ — גוט מאָרגן. [7]) דאָבאַלעס — ספּעציעל געזייטע גראָז פאַר בהמות.
[8]) פאָקאָיעס — פויערשע זאַלן, גראַמע, גרויסע חדרים. [9]) באָזשניטשע — אַ קאַטוילישער קלויסטער. [10]) פאַנענקעס — פריילנס.